NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06275

VEGN DEM DREYSTN KEMFER BERELE UN ZAYN VOYLE KHAVE

Mikhas Linkov

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-06275-8

9780657062750T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מיכאס לינקאָוו

וועגן דרייסטן קעמפער בערעלע און זיינע ווילדע כאווערים

מ.פ.וו. מינסק 1938

מיכאס לינקאָוו

וועגנ דעמ דרייסטנ קעמפער בערעלע און זײַנע ווילע כאַווײרימ

א דערציילונג פאר קינדער

ײדיש—ל. קאצאָוויטש

מעלוכע־פארלאג פונ ווײַסרוסלאנד
מינסק — 1938

װעגנ בערעלעס קינדהײַט אונ װעגנ דעמ, װי ער האָט ליב געהאט מאלינעס

װענ עמעצער װאָלט א פרעג געטאָנ בערעלענ:

— װאָס האָסטו ליב בעסער פונ אלצ אפ דער װעלט?

װאָלט ער גלײַכ געענטפערט, װענ ער װאָלט נאָר געקענט רײדנ:

— װאָס האָב איכ ליב? מאלינעס האָב איכ ליב... האָניק האָב איכ ליב... פויגלשע אײער האָב איכ ליב...

אונ װאָס נאָכ?

— אונ װידער מאלינעס...

בערעלע האָט זײער ליב געהאט מאלינעס אונ צוליב די דאָזיקע מאלינעס האָט ער גרויסע אומאָנגענעמלעכקײַטנ אונ אלערלײ אומגליקנ געהאט אויסצושטײנ צוליב דעמ. נאָר ער האָט געליטנ, א באלײדיקטער אונ א דערנידעריקטער.

אָט אזוי איז אויכ הײַנט אפ אימ אָנגעקומענ דער שלימאזל. ער איז געגאנגענ מיט אנ אראָפגעלאָזטנ קאָפ, װאקלענדיק זיכ פונ אײנ זײַט אפנ צװײטנ אונ אונטערבורטשענדיק אָפט שטילערהײט אונטערנ נאָז. דעמלט פלעגט זיכ אָפשטעלנ אפ א רגע די מוטער אונ, קאָסיענדיק שטרענג מיט אנ אויג, האָט זי געשטשירעט די צײנ. בערעלע פלעגט אויכ בלײַבנ שטײנ, אופגעהערט בורטשענ אונ, אראָפלאָזנדיק ביז דער סאמע ערד דעמ קאָפ, האָט ער כיטרע געקוקט אפ דער מוטער, צי קלײַבט זי זיכ גיט אימ דערלאנגענ א זעצ

איבער׳ קארק, ער האָט געקוקט און איז גרייט געווען גלייך לאָזן זיך לויפן אַף אַלע פיר, וואָס ווייטער פון דער מאַמעס מאַטאָנע. נו, איז ווי זאָל ער טאַקע ניט זיין אַזוי דערשלאָגן און מאַרעשכווירעדיק?

און אָנגעהויבן האָט זיך עס אַלץ פאַרטאָג. ס׳האָט זיך נאָך ניט אויפגעהויבן די זון, ס׳האָט זיך נאָך געקנוילט דער נעפל איבער די פעלדער, נאָר בערעלעס מאַמע האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, שווער אַ שטעל געטאָן זיך אַף די פאָדערשטע לאַפּעס, נאָכדעם האָט זי אַ גענעץ געטאָן און האָט זיך געשטעלט אַף אַלע פיר. זי האָט הילכיק אָפּגע־טרייסלט זיך פונעם מאָך, פון די טרוקענע בלעטער און איז אַרויס פון דער פינצטערער נאָרע. בערעלע האָט געזען, ווי זי איז געשטאַנען אַפן ברעג פון דער בערן־נאָרע און, אויסציִענדיק דעם קאָפּ, האָט זי מיט די הייסע נאָזלעכער אַריינגעטעמט פרישע פאַר־טאָגיקע לופט. דערנאָך האָט זי אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אַף אַרום און איז אַ פאַרשטיי־נערטע געבליבן שטיין אַף אַ רעגע—צוגעהערט זיך. פון ערגעץ ווייט האָבן זיך דערטראָגן טויבע קלאַנגען פון פענטעס—ווייזט אויס, אַף דער בלאָטע האָבן זיך געפּאַשעט פערד. שטיל האָבן זיך דורכגעטראָגן ענטלעך איבער דער לאָנקע, אַ פויגל האָט געפּאַטשט מיט די פליגלען—ס׳האָט זיך די מאַמע אויש באַלעקט און האָט אָפּגעזיפצט. דעמלט איז בערעלען געוואָרן אומעטיק. עפּשער דערפאַר, ווייל אין דער בערן־נאָרע, אונטער דער גרויסער אויסגעקאָרטשעוועטער יאָדלע, איז געווען פינצטערלעך, און עפּשער דערפאַר, ווייל אָן דער מוטער איז אים געווען ניט היימלעך און קאַלט. בערעלע האָט זיך שטיל צעסקאַוויעט. די מוטער האָט זיך אומגעקערט צוריק, אָנגענומען בערעלען מיט די ציינ פאַרן קאַרק און האָט אים אַ שטעל געטאָן אַף די פיס. און בערעלע האָט געוווסט, וואָס דאָס באַטייט: „שטיי אויף, פוילער, טויגעניכץ איינער, ס׳איז שוין צייט צו גיין אָנבייסן!“ ער האָט זיך געפּרוּווט כאָכמענען, איינשפּאַרן זיך, פאַרקראָכן אַף די וואָרצלען פונעם קאָרטש אויש אינדערהויך פון בערן־נאָרע. נאָר באַקומענדיק עטלעכע לייכטע שטויסן, האָט ער גענומען פאָלגן און איז האָכנאָעדיק אַרויס פון בערן־נאָרע.

אינדערהויך איז געווען קאַלטלעך. ס׳איז נאָך געלעגן דער טוי, און בערעלע האָט פאַמעלעך געטראָטן פון איין פוס אַף דער צווייטער, ציטעריק אָפּטרייסלענדיק די לאַפּעס פון די קאַלטע טראָפּנס וואַסער, זיך געסטאַרעט נאָכגיין נאָך דער מוטערס טריט, קעדיי ניט איינעצן איבעריק די לאַפּעס. אָבער סאָפּקאָלסאָף האָט עס אים דערעסן, און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַף אַלע פיר. ער האָט איבערגעיאָגט די מוטער און האָט זיך געלאָזט לויפן מיט די לעצטע קויכעס איבער די קוסטעס, איבערן אָלכע־וועלדל, איבערשרעקנדיק עטלעכע פויגלען, וואָס זיינען אַרויסגעפלויגן ערגעץ פון די גראָזן, פאַרביי בערעלעס נאָז. בערעלע האָט זיך געוואָלט אָנוואַרעמען און אַ שטיפּ טאָן. אָבער צי פאַרשטייט עס

די מוטער? זי איז ווי שטענדיק. אָט האָט זי אים דעריאָגט, א קאַעסדיקע און אַן אופּ־
געריגטע, און האָט אים מעכאַבעד געווען אַזוי שטאַרק איבער דער פּאַטיליצע, אַז בע־
רעלע איז גרינג געוואָרן אין די אויגן און ער איז צוגעפאַלן מיטן נאָז צו דער ערד,
צעשטעכנדיק זיך ווייטעקדיק אָן א כוואָיע־שישקע. ער איז אַזוי אינגאַנצן געוואָרן, אַז
ער האָט ניט געוווּסט, אַפּ וואָסער וועלט ער איז. זייער פלינק און אומבאַמערקט האָט ער
מיט די ציין א כאַפּ געטאָן דער מאַמעס פוס אַזוי, אַז די אַלטע בעריכע האָט איימעדיק
אויסגעשריִען פון ווייטעק. און בערעלע האָט זיך געלאָזט לויפן מיט די גאַנצע קויכעס
א פאַרסאָפּעטער. אָבער וווּהין וועט ער אַנטלויפן? בערעלע הערט, ווי ס'טרייסלט זיך
אונטער אים די ערד—דאָס לויפט און יאָגט אים אָן די מוטער. ס'האָט אים באַדעקט א
קאַלטער שווייס. און אָט האָט זי אים אָנגעיאָגט און האָט אים דערלאַנגט אַזאַ שטויס,
אַז ער האָט א צײַט ניט געקענט קומען צו זיך. און צום סאָף האָט נאָך די מוטער אים
דערלאַנגט מיטן פוס אַזאַ קלאַפּ אין בויך, אַז בערעלע האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט פון
בערגל און האָט זיך בעשומויפן ניט געקענט אָן עפּעס פאַרהאַלטן. ער האָט זיך געקײַקלט,
געקײַקלט און האָט פּלוצלינג א פּליאָשקע געטאָן זיך אין קאַנאַווע, ער איז אַרײַנגעשפּרונגען
אין בלאָטע איבער די אויערן—ניט אהער און ניט אהין. ער קען פון קאַנאַווע ניט אַרויס.
ס'פּאַרטשעט אַרויס פון וואַסער זײַן פּיסק, די אויגעלעך זײַנען צעשראָקן, און בערעלע סקאַ־
ווויעט פ׳טילערהייט—פון שרעק און פון ווייטעק. די אַלטע מוטער איז צוגעגאַנגען רויק,
אָפּגעשטעלט זיך נעבן בערעלען, א לעק געטאָן מיטן צונג זײַן קאַלטע נאָז—בערעלע האָט
אפילו די אויגעלעך פאַרמאַכט פון שרעק, ווײַל ווער ווייס, סאָמער וועט ער ווידער
באַלד כאַפּן פאַר זײַנע קונצ־שטיק. נאָר די בעריכע האָט אים פאָרזיכטיק אָנגענומען פאַרן
קאַרק, פאַרטשעפּעט מיטן פּוס און האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דער קאַנאַווע. אָנעמענ־
דיק אים מיט די פאָדערשטע פּיס, האָט זי אים הויך אויפגעהויבן און א טרייסל געטאָן,
עס זאָל זיך פון אים אָפּשיטן די קלעפּיקע בלאָטע. נאָכדעם האָט זי אים אַוועקגעשטעלט
אַפּ די פּיס—גיי, האָט זי געזאָגט,—אַזעספּאַנעם, און זאָלסט זיך מער ניט נאַריש מאַכן...

און בערעלע איז אַוועק—א נאַסער, אַן אײַנגעבראָדיקטער, געדולדיק טאָפּטשענדיק
נאָך דער מוטערס טריט, ניט אָפּטרעטנדיק פון איר אַפּ א רעגע. ער איז געגאַנגען פאַ־
מעלעך, טראָט בא טראָט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אָט פאַרוואָס ס'איז געווען אַזוי אומ־
מעטיק אונדזער בערעלען, און ער האָט פון צײַט צו צײַט שטיל געבורטשעט, בײַזערנדיק
זיך אַפּ דער מוטערס באַפעלן.

זיי זײַנען געגאַנגען לאַנג. דורכגעגאַנגען פאַרבײַ דער לאָנקע, ווו ס'איז געווען
אָנגעלייגט בעריווענעס און האָלץ. די מוטער האָט איבערגעקערט עטלעכע קלעצער, גע־
פונען אונטער זיי אַסאַך אַלערלייִקע ווערעם און, פאַרגעסנדיק אַפּ בערעלעס שטיפערײַ,

האָט זי אים אויך מעכאַבעד געווען און געגלעט. אין אַ שטיק האַלץ האָט זי אויסגעקאַלופּעט אַ קליין נעסטעלע. אין אים איז געלעגן באַ אַ האַלבן צענדליק קליינע בלויליכע אייעלעך. זיי זייַנען געווען זייער געשמאַקע, און בערעלע האָט אַזש פאַריסן דעם פּיסק אינדערהויך און, צונויפדרייענדיק אין אַ טרייַבל דעם צונג, האָט ער זיי געסמאַקטשעט. און פאַרגעסנדיק האָט ער עס אַראָפּגעשלונגען מיט די שאָלעכץ צוזאַמען.

דערנאָך איז מען אַוועק איבער דער בלאָטע, פּאָרזיכטיק אַרומגעגאַנגען דאָס אָרט, ווו עס האָט זיך געהערט דער געקלאַנג פון פערדישע פּענטעס — און מיט דעם געקלאַנג פון די פּענטעס האָבן זיך אויך דערטראָגן מענטשישע שטימען. און כאָטש בערעלע האָט קיינמאָל ניט געזען אַ מענטשן, איז אָבער, קוקנדיק אַף דעם, ווי די אַלטע מוטער פלעגט אויסמייַדן צו טרעפן זיך מיט אַ מענטשן, האָט ער געפילט, אַז דאָס איז ניט אַנדערש, ווי דער סאַמע ביטערער סוינע. מעגלעך, אַז דער סוינע איז נאָך אַפילע ערגער פון אַ זשאַבע אָדער פון אַן ערד־בין, אָדער, לאָמיר זאָגן, פון אַ יאָזשיק. מיט אָט די אַלע האָט זיך בערעלע שוין באַקאַנט, און די באַקאַנטשאַפט האָט אים ניט פאַרשאַפט קיין איבעריקן פאַרגעניגן. איינמאָל האָט ער געפּרוווט אַ לעק טאָן מיטן צונג אַ זשאַבע — האָט ער דערנאָך לאַנג געשפּיגן און אַ טאָג דרייַ נאָכאַנאַנד האָט אים געברענט דער צונג. און די ערד־בין וועט בערעלע געדענקען. ער האָט זיך נאָך איר לאַנג געיאָגט, די ערד־בין איז געווען אַ שיינע, אַ פריילעכע אַזאַ, אַ גילדערנע. אַליין ניט קיין גרויסע, אָבער אַ קאָל האָט זי געהאַט שייַעך צו זאָגן, הודיעט, אַזש די גראָזן באַוועגן זיך. בערעלע האָט זיך געיאָגט נאָך דער ערד־בין און האָט דערזען, ווי זי האָט זיך באַהאַלטן אין אַ קליינער קופּקע. דאָ האָט בערעלע אַ ריַע געטאָן מיטן נאָז. געריַעט, געריַעט און פּלוצלינג אַזאַ רעווע געטאָן, אַז די מוטער האָט זיך איבערגעשראָקן און איז אַרויסגעלאָפן פון בערנ־נאָרע. אַ טאָג צוויי האָט אים געברענט די נאָז און איז געווען געשוואָלן. בערעלע האָט געשווענקט די נאָז אין וואַסער, געריבן זי אָן דער מוטערס זייַטן און האָט צוגעלייגט צו דער רויער ערד. קוים מיט צאָרעס האָט ער אָפּגעראַטעוועט די נאָז. און איצט, אַז ער באַמערקט נאָר אַן ערד־בין, אַנטלויפט ער פון איר ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט — וואָס ווייַטער פון דער פאַסקודנער פליג. אָט האָט איר אייַך אַן ערד־בין.

וועגן יאָזשיק איז פאַרשפּאָרט צו ריידן, דאָס, ווייַזט אויס, איז שוין אַזאַ כייַע, וואָס קיין שרעקלעכערע פון איר איז אַף דער וועלט ניטאָ. אויך פון בינען האָט בערעלע געהאַט איינמאָל אויסצושטיין. ער איז איינמאָל געגאַנגען מיט דער מוטער אין טיפן וואַלד. די מוטער האָט אַרופגעקלעטערט זייער הויך, הויך אַף אַ בוים, אַז מע האָט זי קוים געקענט דערזען פון דער ערד, פון הינטערן קוסט, ווו בערעלע האָט זיך צוגעלייגט. און אָט גיט עס די מוטער פּלוצלינג אַ רעווע, עס הייבט אָן טרעשטשען עפּעס אינדערהויך,

טרוקענע צווײַגלעך פליִען, צעשיטן זיך, און ס'איז אוועק אַ הודיעריי איבער דער גאַנצער לאַנקע. די מוטער איז ניט אַראָפּגעקראָכן, נאָר איז אַראָפּגעשפּרונגען און איז אַנטלאָפן; בערעלע נאָך איר. ער לויפט, און די בינען נאָך אים — און אויפן קאָפּ, און אויפן עק, און אויפן בויך האָבן זיך די בינען אײַנגעגעסן, געקראָכן גלײַך אין נאָז און אין די אויגן. וואָס האָט בערעלע ניט געטאָן? געריבן זיך אַרום די קוסטעס, געקײַקלט זיך איבער דער ערד — ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. ביזוואַנען ער איז מיט דער מוטער אין וואַסער אַרײַנגעפלויגן, אין טײַכל — דעמלט האָבן זיי זיך ערשט אָפּגעטשוכעט. אָפּגעטרייסלט זיך פון די בינען. דרײַ טעג איז בערעלע אַרומגעגאַנגען צעטומלט. געווען אַפילו אַ ביסל ניט געזונט, געלעגן אין בערן־נאָרע. די אויגלעך זײַנען בײַ אים אַזוי פאַרשוואָלן געוואָרן, אַז ער האָט גאָרנישט ניט געזען. די ליפּן און די נאָז זײַנען אויך געווען געשוואָלן — ניט צושטעקן זיך מאַמעש צו קיין אייווער. אָבער מיט וואָס פאַר אַ האָניק ס'האָט אים נאָכדעם מעכאַבעד געווען די מוטער — ער וואָלט עס, דאַכט זיך, געגעסן און געגעסן יעדן טאָג און וואָלט זיך אַלץ באַלעקט, אָט וואָס פאַראַ בינען זיי זײַנען געווען!

און האַגאַם בערעלע האָט מוירע געהאַט פאַר אַ פראָש, פאַר אַן ערד־בין, פאַר בינען און פאַר אַ יאָזשיק, אָבער דער מוטער, האָט ער געזען, אַרט עס ניט. זי האָט פאַר דעם ניט מוירע. נאָר אַ מענטשנס קאָל, אַז זי דערהערט, — האָט זי יאָ מוירע. ווײַזט אויס, אַז דער מענטש איז שרעקלעכער פון אַן ערד־בין און פון אַ פראָש. אויך איצט שמעקט אַרום די מוטער די לופט און זי גייט אין אַ צווייטן זײַט איבער די פאַרוואָרפענע בלאָטיקע וועגלעך. „מיסטאָמע אין די האָבער"־טראַכט בערעלע. און זיי זײַנען טאַקע באַלד אַרויסגעגאַנגען אויף אַ גרויס פעלדל אין וואַלד. אויף איר האָט זיך צעוואָרפן אינדערברייט אַ יונגער האָבער. ער איז נאָך ניט געווען צײַטיק, נאָך גרינלעך געווען, און נאָר ווו־ניט־ווו האָבן זיך געטראָפן געלע, צײַטיקע זאַנגען. פון אַ לײַכטן ווינט האָבן זיך געקײַקלט איבערן האָבער ציטערנדיקע כוואַליעס און האָבן פאַרפולט דאָס פעלדל מיט אַ שטילן, רויִקן שאָרך. פונקט ווי די זאַנגען וואָלטן זיך געסוידעט צווישן זיך — שו־שו... שו־ו־ו־ו... בערעלע האָט ליב געהאַט אָט די שושקערײַ, אָט די שטילע, גאָר שטילע שטימען פון די האָבער־זאַנגען. ער לייגט זיך צו אין בעריאָזע־וועלדל און הערט זיך צו. איבער אים איז אַ טיפער בלויער הימל, הויך, זייער הויך שווימען אום דורכזיכטיקע כמאַרעלעך, אונטער זיי שוועבט דורך אַ רויב־פויגל, פליט דורך אַ קראָ, ס'טראָגט זיך דורך אַ סטײַע ענטלעך. זייערע פליגלען זײַנען פײַכטלעך, און נאָר עס הערט זיך: פיו... פיו.. פיו!.. און דער האָבער שושקעט זיך — שו־ו־ו... שו־ו־ו...

בערעלע הערט זיך אײַן און דרעמלט. עס דערמאָנט זיך אים ווינטערצײַט, ווען דיביימער האָבן געטומלט, אָט ווי דער האָבער. עמעס, יענער טומל איז געווען אַ פיל

שטארקערער אונ שטרענגערער, כאָטש בערעלע האָט אים געהערט דורכנ שלאָף—דורכ זײַנ ווינטערדיקנ שלאָף. ס׳האָט ניט געטומלט, נאָר געהודיעט איבער די שפּיצנ פונ די ביימער, איבער די פארשנייטע לאַפּעס פונ די יאָדלעס—אוהו־ו־ו־... או־ו־ו... אונ ס׳איז געווענ דעמלט שרעקלעכ קאַלט. בערעלע געדענקט, ווי ס׳האָט זיכ גערויכערט א פּארע איבער דער בערנ־נאָרע, אונ פונ דער פּארע זײַנענ אראָפּגעהאנגענ דורכזיכטיקע אײַז־צעפּלעכ, בערעלע האָט אָנ זיי ניט איינמאָל צעשטאָכנ די נאָז, ווענ ער האָט געוואָלט אינ אָנהייב פרילינגצײַט ארויסקריכנ פונ דער בערנ־נאָרע.

בערעלע האָט ליב צו הערנ די שושקערײַ פונעם האָבער. אונ נאָכ מער פונ אלצ זײַנענ אים געפעלנ די זאנגענ פונעם האָבער. זיי זײַנענ זיסע אונ שמעקנ ווי דער מוטערס מילכ. ער פליקט אָפּ דעם האַבער. גאנצע הויפנס שפּארט ער אינ מויל ארײַנ. ווענ ער האָט זיכ אײַנגעמאטערט גיינ אפ די הינטערשטע לאַפּעס, ווענ ער האָט זיכ אָנגעגעסנ צו זאט, האָט ער זיכ צוגעלייגט אונ, צוהאלטנדיק מיט דער לאַפּע עטלעכע זאנגענ, האָט ער זיי איבערגעקליבנ פוילערהייט מיט די ליפּנ, באלעקנדיק זיכ נאָכ יעדער זאנג.

אפ דעם פעלדל זײַנענ זיי געווענ ניט אליינ. ס׳איז געקומענ נאָכ איינ אלטער בער. ער איז געווענ מאָדנע אָנגעבלאָזנ אונ בייז. אָנ קיינ שום סיבה האָט ער זיכ ארופגעוואָרפנ אפ בערעלענ אונ האַט אים אזוי א ביס געטאָנ מיט די ציינ, אז יענער איז זיכ פארגאנגענ פונ געוויינ. דעמלט האָט זיכ פאר אים אָנגענומענ די מוטער. זי איז מיט קאַעס צוגעלאָפנ צום בער אונ האָט אים אזא שטארקנ קלאפּ געטאָנ מיט דער פאָדערשטער לאַפּע, אז דער אלטער בער האָט זיכ געלאָזט לויפנ אפ אלע פיר אינ וואלד ארײַנ, ס׳האָט זיכ נאָר געהערט, ווי ס׳טרעשטשענ די טרוקענע צווײַגנ אונ די קוסטעס פונ די ניס־ביימלעכ. נאָכ דעמ געלנ פלעק אפנ זײַט בא דעם בער האָט בערעלע דערקענט אינ אים זײַנ טאטנ אונ האָט זיכ פארוואונדערט: אָט איז דיר א פאָטער, אָט ווי גוט ער דערציט עס זײַנ זונ, שטשירענדיק אפ אים די ציינ...

אָנ קיינע שום געשעענישנ זײַנענ זיי אוועק צוריק. די בעריכע אינ געגאנגענ נעבנ בערעלענ, געלעקט אים מיט כיישעק זײַנ האלדז, ווו עס זײַנענ פארבליבנ סימאָנים פונעם טאטנס ציינ, אונ האָט שטילערהייט געבורטשעט אונטערנ נאָז, ווײַזט אויס, וועגנ עפּעס א בערישנ איניען. ווענ זיי זײַנענ דורכגעגאנגענ איבערנ טײַכל, האָט די בעריכע גענומענ בערעלענ אינ די פאָדערשטע לאַפּעס אונ האָט אים גענומענ באָדנ. בערעלע האָט ניט שטארק ליב געהאט די דאָזיקע אָפּעראציע. שטענדיק פלעגט ער זיכ סטארענ אנטלויפנ פונ דעם אונ פלעגט זיכ בײַסנ. אָבער איצט, נעמענדיק אינ אכט דער מאמעס פאר טיידיקונג אונ ליבע צו אים, האָט ער געפּאָלגט אונ האָט זיכ געפּאליושקעט אינעם וואסער, אונטערשטעלנדיק אונטער דער מאמעס לאַפּעס פריִער איינ זײַט אונ דערנאָכ דעם צווייטנ

זײַט. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אויסגעבאָדן, איז ער ארומגעלאָפן א פרײלעכער איבערן וואלד, געיאָגט זיך נאָך ווײַסע באבעלעך, געקײַקלט זיך איבערן גרינעם גראָז, קעדיי זיך גיכער אויסטריקענען.

ווען זיי זײַנען געקומען אינ בערנ־נאָרע, האָט זיך די מוטער געלייגט שלאָפן. די בערנ־נאָרע איז געווען א געראמע און א היימלעכע. וואַרעמער מאָך און טרוקענע בלעטער זײַנען געווען געגוג. אינדערהויך איז געווען אסאך איבערגעפלאָכטענע וואָרצלען פונעם אײַנגעפאלענעם בוים, אזוי, אז די סטעליע איז געווען א גוטע און האָט קיינמאָל ניט דורכגעלאָזן קיין רעגן. די בערנ־נאָרע איז געווען אינ א ווילדן טיפן נאָדל־וואלד, קיינער האָט ניט געשטערט די רויִקייט, כאָטש ניט ווײַט אינ וואלד איז געווען א וועג, אָבער קיינער פלעגט דאָ קיינמאָל ניט דורכפאָרן. ניט איינמאָל פלעגט די בעריכע מיט בערעלען ארויסגיינ אפ דעם וועג, קעדיי אָנצוּוואַרעמען זיך אפ דער זון, און קיינמאָל האָבן זיי דאָ קיין מענטשן ניט געטראָפן.

די מוטער איז אײַנגעשלאָפן, אָבער בערעלע האָט גאָר קיין כיישעק ניט געהאט לייגן זיך שלאָפן. די [illegible]ט שוין צום ווּפלטן מאָל ארומגעקוקט די בערנ־נאָרע, ארומגעשמעקט יעדן שט[illegible]דל, יעדן וואָרצל. עמעס, קיין גרויסער אינטערעס איז אין דעם ניט געווען. און אז בערעלען האָט עס אלץ דערעסן, איז ער ארויסגעקראָכן פון דער בערנ־נאָרע אפדערפרײַ. דאָרט איז געווען פרײלעכער. ס'איז גוט געווען צו קײַקלען זיך אינ די גראָזן, ארומלויפן ארום די קוסטעס, שטיינ א ווײַלע נעבן מוראשניק און מיט דער לאפע צעוואַרושען אים, אפגיך אָפשפרינגען אָן א זײַט און קוקן, ווי ס'לויפן ארום די מוראשקעס, ווי זיי שלעפן שטרויעלעך, ווי זיי פעקלען איבער ווײַסע אייעלעך. ס'איז אסאך פאראן אינ וואלד אפ וואָס א קוק צו טאָן און וואָס צו הערן. אָן דויבעט א פיק האָלץ אנ אלטן בוים. ער האָט זיך געזעצט, אײַנגעשטשעמעט זיך מיט די לאפעס פאר דער קאָרע און קלאפט זיך, דויבעט מיט דער נאָז—טוק־טוק, טוק-טוק... בערעלע האָט איינמאָל געפרוּווט א קלאפ טאָן מיטן נאָז א בוים, אָבער קיין טוק־טוק האָט זיך בעשומויפן ניט באקומען, ער האָט נאָר געהאט אומאָנגענעמלעכקײַטן—צעריסן די נאָז און מער גאָרנישט...

און אָן דאָרט שפרינגט ארום פון צווײַגל אפ צווײַגל א וועווערקע. האָט זיך אוועקגעזעצט און פראוועט שטיק בערעלען אפ צולאָכעס. ער איז אויסער זיך—קלאפט מיט די ציינ, רײַסט שטיקער ערד מיט די לאפעס, הייבט אוף דעם קאָל—און דער וועווערקע וואָלט עס ארנ אהאָר. זי וויל אפילע ניט א קוק טאָן אינ זײַנ זײַט, דרייט נאָר אום מיטן עק, ווי מיט א בעזעמל. בערעלע איז אינקאעס געוואָרן. ער איז צוגעלאָפן צום בוים און האָט א קלאפ געטאָן איבער אים מיט דער לאפע. די וועווערקע איז איבערגעשפרונגען

אפ אנ אנדער בוימ, פונ צוויטנ אפנ דריטנ. בערעלע נאָכ איר. ער האָט געפּרוּווט ארופּ־קלעטערנ אפנ בוימ, אונ אָט־אָט, דאכט זיכ, כאפּט ער די וועווערקע, נאָר ווּ האָסטו געזענ, יענע שפּרינגט ארומ ווי א פלייעלע. מיסאמאָל האָט בערעלע אויכ א שפּרונג געטאָנ פונ בוימ, ער האָט געמיינט—ער וועט א פּלי טאָנ, ווי א באבעלע, נאָכ דער וועווערקע. אונ אָט־אָט, דאכט זיכ, כאפּט ער זיכ מיט די ציינ אָנ איר עק. ער צעעפנט גאָכ ברייטער דעמ מויל, נאָר ווּ האָסטו געזענ! א רעגע—צוויי, אונ דער מויל איז פול מיט ערד, די פוס צעקלאפּט, אָט ווי ער האָט זיכ צעקלאפּט אָנ דער ערד. נאָכ גוט, וואָס דער בוימ איז געווענ א נידעריקער, ס'האָט געקענט זײַנ נאָכ ערגער. פארשטייט זיכ, אז בערעלע האָט שוינ גאנצ גענוג געכאפּט פונ דער מוטער אויכ, אונ ס'איז אימ שוינ אויסגעקומענ אפּ שטענדיק אוועקצוּוארפנ זײַנע פּלי־איבונגענ. זאָלנ ארומפליענ די וועווערקעס אונ די באבעלעכ, פאר בערעלענ וועט קלעקנ ארומצוגיינ אפ דער ערד אונ קלעטערנ אפ די ביימלעכ.

בערעלע איז ארומגעלאָפנ ארומ דער בערנ־נאָרע אונ האָט זיכ דערמאָנט, אז ער האָט נאָכ היינט גאָר קיינ מאלינעס ניט פארזוכט. דאָס דארפ מענ דאָכ טאקע קענענ. ווינענ נעבנ די מאלינעס־געוויקסנ אונ ניט פארזוכנ קיינ מאלינעס. ער האָט זיכ דער־מאָנט אויכ וועגנ דער מוטערס באפעלנ—אָנ איר זאָל ער ערגעצ ניט גיינ. „אָבער דאָס איז דאָכ אזוי נאָענט, ניט ווײַט פונ וועג, איכ וועל זיכ פארבלאָנדזשענ צי וואָס? אונ די מוטער שלאָפט איצט אלציינס, זי וועט אפילע ניט באמערקנ..."—האָט בערעלע א טראכט געטאָנ אונ איז שטילערהייט אוועקגעגאנגענ צו די מאלינעס־געוויקסנ, ניט פאָרויס־זעענדיק אינגאנצנ די געשעענישנ, וואָס זײַנענ מיט אימ שפּעטער אינ דעמ טאָג פאָר־געקומענ.

נאָר וועגנ די געשעענישנ וועלנ מיר דערציילנ שפּעטער.

וועגן דער פריילעכער באָרד און דעם שוואַרצן זשוק

ביז־זאגנג בערעלע וועט נאַשן די [illegible], וועט [illegible] עטלעכע ווערטער וועגן דער פריילעכער באָרד. [illegible] בערדיקן, און וועגן שוואַרצן זשוק. [illegible] לעבט גוט, וועט זײַן ניט ריכטיק. דער בערדיקער פֿלעגט [illegible] זשוקן, גרויסאַרטיק שפּאַצירנדיק [illegible] מיט דער באָרד, אָדער, [illegible] פֿלעגט ער [illegible] אף אים, [illegible] רוגוטריק [illegible], און אז דער בערדיקער פֿלעגט ניט [illegible] שמיק, פֿלעגט זשוק [illegible] א קוסט, [illegible] ניט [illegible] געקוקט מיט [illegible] אויגן נאָך דעם בערדיקן, [illegible] קער האָט געקערט [illegible] פּאַלענעס [illegible], שפּרינגט [illegible] פֿון אים אף אלע פֿיר קאָפּיטקעס אף דער ערד, [illegible] ווי א הוישרעקע אָדער א באַבעלע. אָט האָט ער דערזען א הויכן [illegible], ער איז [illegible] אים אדורכגעגאנגען, א שמעק געטאָן, א לעק געטאָן, דערנאָך איז ער אַפּגעגאַנגען אָפּ הינטער און א קער טאָנדיק זיך איז ער איבערגעשפּרונגען איבער אים מיט אזא אימפּעט, אז די קאָפּיטקעס האָבן אויש א כרושטשע געטאָן איבער דער ערד, אופהייבנדיק א שטויב איבערן פעלדל.

און דאָס איז ניט אַלץ.

אָט גייט אַ רויטאַרמייער. דער בערדיקער איז שוין דאָ. די הערנער פאָרויס, און לאָזט ניט דורכגיין ניט רעכטס, ניט לינקס. ער טרעט ניט אָפּ פונעם וועג און באַוועגט דראָענדיק מיטן קאָפּ.

נו, וואָס וועסטו מיט אים מאַכן?

דער רויטאַרמייער נעמט אַרויס פון קעשענע מאַכאָרקע, שיט אָן אַפן דלאָניע און איז מעכאַבעד דעם בערדיקן.

נאַ, שמעק זיך אָן, אָנשיקעניש, איך האָב דאָ קיין צייט ניט מיט דיר צו פאַר־ברענגען...

און יענער דאַרף מער ניט. האָט אָפּגעלעקט דעם טאַבעק, פאַרלייגט הינטערן ליפּ און קייט, זיסלעך צוזשמורענדיק די אויגן. דער בערדיקער האָט אַזוי ליב מאַכאָרקע, אַז ער פאַרגעסט דעמאָלט וועגן אַלע קונצשטיק. ער דרייט זיך דעמאָלט ניט פון אָרט, בלויז די באָרד טרייסלט זיך בא אים, און פון גרויס צופרידנקייט עפנט ער פאַנאַנדער דעם מויל אין זינגט זיך פאַנאַנדער איבער דער גאַנצער פאָליאַנע!

— בע־ע־ע!.. בע־ע־ע...

דעמאָלט קוקט אָן אים זשוק, קוקט און זיפצט אָפּ. אים געפעלט זייער ניט דעם בער־דיקנס טאַבעק־איבונגען. נו. וואָס פאַר אַ טאַם האָט טאַבעק, פון דעם טאַבעק־רויך וואָלט ער אַנטלאָפן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, ער קוקט, קוקט, און פלוצלינג גייט נאָך דעם בערדיקן צעבילט ער זיך איבערן גאַנצן פעלד, איבערן גאַנצן וואַלד:

— האַ־אַ־וו!.. האַוו!.. האַ־אַ־אַוו!.. האַוו!..

ער פאַרבלינעט זיך מיט זיין בילערײַ, און פון גרויס כּעס אַפן בערדיקן קלאַפּט ער מיטן עק איבער דער ערד.

דעמאָלט הויבן זיך צונויף די פריילעכע רויטאַרמייער. אַ געלעכטער. מע וויצלט זיך. מע לאַכט פון דעם בערדיקן און פון זשוקן.

— וואָס קענט איר זיך ניט צעביילן!

מע קען נאָך מיינען, אַז דער בערדיקער און זשוק זיינען פון אייביק אָן סאָנים, אַבער ניט איינער דעם צווייטן. דאָס איז ווידעראַבאַל ניט ריכטיק. ווען מיר וועלן זיך באַקענען מיט זיי נעענטער, וועלן מיר זען, אַז זיי זיינען די בעסטע כאַווײרים. און אַז דער בערדיקער האָט זיך געפיינט עפּעס פאַר זשוקן, איז עס אויך ניט מער ווי אַן אָנ־שטעל, אַזוי זיך. פּרובירט נאָר באַליידיקן עמעצן פון זיי, נו, כאָטשבי דעם בערדיקן, וועט אייך זשוק פאַרגעבן אוא נאָב, אַז איר וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו באַליידיקן זיין כאַווער. און דער בערדיקער וועט אויך ניט אָפּשטיין אין דער פלינקער פאַרטיידיקונג פון זיין פריינט.

אָבער ווער זײַנען עס זשוק און דער בערדיקער? פֿון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? וויאַזוי האָבן זיי זיך געטראָפֿן צוזאַמען און וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָבן דאָ די רויט־אַרמייער?

זשוק איז געווען אַ געוויינלעכער הונט פֿון אַ געוויינלעכן מין. ער האָט זיך ניט געקענט באַרימען ניט מיט באַזונדערע אויסצייכענונגען, ניט מיט אַ באַזונדער טאַלאַנט. אַ הונט ווי אַלע הינט. טערניסט אַ זײַט איז בײַ אים עטוואָס געווען אָפּגעברענט, איז דאָס שוין געקומען פֿון וואַנדער־לעבן — צוגעברענט, וואַרעמענדיק זיך בײַם פֿײַער אין אַ קאַלטער האַרבסטיקער נאַכט. דער בערדיקער איז אויך ניט גאָר קיין גרויסע שיינהייט. זײַן צעשויבערטע גראָע פֿעל איז שטענדיק אין שטעכלקעס און אין שטרוי. דער לינקער האָרן איז אָפּגעהאַקט אויף אַ העלפֿט — פֿאַרלאָרן אים ערגעץ אין אַ הייסן געשלעג. דאָס קורצע עקל איז נאָר געבליבן אויף אַ סימן. אָבער דערפֿאַר איז די באָרד דעם בערדיקנס עמעסע שיינהייט און שטאָלץ. און האַגאַם זי איז געווען עטוואָס אָפּגעצופּט, אין די הערלעך זײַנען בײַ איר געווען ניט גלײַך און קאָלטענעוואַטע, דאָך איז זי געווען אַ באָרד, ווי עס דאַרף זײַן בײַ אַ באָק, וואָס אַכטעט זיך. פֿאַר דער באָרד, און ניט פֿאַר קיין אַנדער זאַך האָט מען דעם באָק אַ נאָמען געגעבן דער בערדיקער... דער בערדיקער גייט און שאָקלט מיט דער באָרד. ער לויפֿט שפּרינגט אונטער די באָרד. ער נעמט עסן — באַוועגט זיך די באָרד. אַ שיי־יי־יינע באָרד!

זשוק און דער בערדיקער זײַנען אין אַ געוויסער מאָס געווען מיליטער־לײַט. זשוק איז געווען אין ערשטן באַטאַליאָן, דער בערדיקער — אין צווייטן. אַזוי זײַנען זיי געגאַנגען יעדן טאָג מיטן פּאָלק אין די גרויסע מאַרשן. קעלט, צי היץ, צי שניי, צי רעגן — ס׳גייען קעמפֿערישע באַטאַליאָנען רויטאַרמייער. און כאָטש ס׳איז שווער אין וועג — עס ברעכן די פֿיס, עס מוליען די אַקסלען — נאָר די קריגער דײַגעגען ניט, זיי זינגען לידער, שפּאַסן, שפּילן אויף האַרמאָניק. און ווען ס׳ווערט אָפּטמאָל אײַנגעשטילט דער האַרמאָניק, דעמאָלט טרעטן אַרויס די באַטאַליאָנס פֿריילעכמאַכער — זשוק און דער בערדיקער. אין וואָס טוען זיי דעמאָלט ניט אָפּ. דער בערדיקער שפּרינגט איבער זשוקן. זשוק סטאַרעט זיך אָנכאַפּן דעם בערדיקן פֿאַר זײַן באָרד, אָבער, טרעפֿנדיק אויף די הערנער, אַנטלויפֿט ער פֿלינק אין די קוסטעס און פֿון דאָרטן פּרוּווט ער פֿלוצלינג ווידער אַטאַקירן זײַן כאַווער. אָפֿט הייבן זיי אויף אַזאַ טומל, אַזאַ געשלעג, כאָטש נעם און גיס זיי אָפּ מיט וואַסער. אַן עמעסער ספּעקטאַקל. און ווען זיי ענדיקן דעם ספּעקטאַקל, גייען זיי דורך די שערענגעס און קוקן זיך אײַן די רויטאַרמייער אין די אויגן. פֿאַרשטייט זיך, אַז מע דאַרף זיי געבן אַ פֿאַרדאַרט שטיקל ברויט, מעכאַבעד זײַן זיי מיט אַ שטיקל צוקער. און מע האָט זיי געגעבן, און מע האָט זיי מעכאַבעד געווען. די רויטאַרמייער

האָבן ליב געהאט די פריילעכע פאָר און האָבן זיי ניט אָפּגעלאָזט פון באטאליאָן. זיי האָבן זיי אזוי שטארק ליב געהאט, אז מע פלעגט זיך פאָשעט בארימען מיט זיי און פאריסן די נאָז פארן דריטן באטאליאָן, וועלכער האָט קיינעם ניט געהאט—ניט קיין באָק און ניט זשוקן.

אן אנדערשמאָל, ווען דער בערדיקער פלעגט צוליב זיין אומבאוווסטזיניקייט צוגיין עפעס נעמען אין דריטן באטאליאָן, פלעגט מען אים גלייך געפינען און ארויספירן פון דאָרטן. די רויטארמייער פון צווייטן באטאליאָן פלעגן מוירע האָבן, אז דער דריטער באטאליאָן זאָל בא זיי ניט אָפּנעמען זייער רעץ, זייער בערדיקן אקטיאָר. אָפּנעמען ווי אָפּנעמען, נאָר אונטערקויפן האָבן זיי געקענט — דער בערדיקער האָט ליב געהאט צו נאשן און האָט ליב געהאט צוקער און מאכאָרקע. זשוק איז געווען מער באוווסטזיניק און האָט ניט געקענט פאראטן זיין באטאליאָן—קיין שום זאך האָט אף אים ניט געווירקט. אז מע פלעגט אים וועלן אונטערקויפן, פלעגט ער זיך בייזערן און מע פלעגט אים מוזן לאָזן צורו. ער איז, אגעוו, אויך געווען מער געוואגט פון זיין כאווער. אים האָט ניט געשראָקן דאָס שיסעריי אין די שלאכטן. צוזאמען מיט די רויטארמייער פלעגט ער גיין אין אטאקע, באנאכט איז ער געשטאנען אף דער וואך און האָט פלייסיק אויסגעפילט די וועכט־דינסט: קיין שום פיינט האָט זיך ניט געקענט צוגאנווענען אומבאמערקט בא־נאכט צו א׳דזערע טיילן. דער בערדיקער אָבער פלעגט שוין באם ערשטן שאָס פארלירן זיין שטאָלצקייט און לאָזן זיך לויפן אף אלע פיר צוריק צום אָבאָז, דערפאר פלעגט מען אים אָפטמאָל רופן דעזערטיר און אָפּלאכן פון אים. אָבער צי האָט עס דעם בערדיקן געארט? ניין. ער שטייט זיך מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און גיט אפילע ניט א פינטל מיט אן אויג. ער שאָקלט נאָר צו מיטן בערדל און פארציט זיין אומעטיק לידל:

— בע־ע־ע. .

און טו מיט אים עפעס!

איז אָט וואָס ס׳האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט זשוק און דער בערדיקער. און ס׳איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די רויטארמייער האָבן זיך מיט זיי געגרויסט און געהאָדעוועט זיי, זייערע אקטיאָרן־לייצאָנים, און האָבן פאריסן די נאָז פארן דריטן באטאליאָן. אָבער גאָר אינגיכן האָבן פאסירט די געשעענישן, וועגן וועלכע מיר האָבן צוגעזאָגט צו דערציילן נאָך צום ענדע פונעם ערשטן קאפיטל. אָט די געשעענישן האָבן אָפּגערוקט אפן צווייטן פלאן סיי זשוקן און סיי דעם באָק דעם בערדיקן, און דער דריטער באטאליאָן האָט גענומען פארייסן די נאָז סיי פאר דעם ערשטן און סיי פאר דעם צווייטן באטאליאָן. וועגן דעם וועלן מיר עס דערציילן שפעטער.

וויאַזוי בערעלע קומט אינ מיליטער-דינסט

ס'איז געווענ א שטילער זומערדיקער פרימאָרגנ. די זונ האָט נאָכ ניט באוויזנ אופ־צוהויבנ זיכ הויכ, אונ האָט זיכ געשפּילט מיט מיליאָנענ פּערלעכ אפ די טויִקע גרעזלעכ, אפ די וואַלד־לאַנקעס, געגלאַנצט אפ א פײַכטנ בלאַט פונ א בעריאָזע, צעשאָטנ זיכ מיט גאָלדענע פלעקנ דורכ די צווײַגנ־לאַפּעס פונ די יאָדלעס, דורכ די גרינע היטלענ אפ די שפּיצנ ביימער. אונ אז די זונ פלעגט באַלײַכטנ די צײַטיקע מאַלינעס, האָבנ זײ געברענט, ווי טײַערע שטיינער. אונ א רייעכ האָט זיכ פונ זײ געטראָגנ ווײַט־ווײַט דורכנ וואַלד, דורכ דער בלאָטע, ביזנ סאַמע וואַלד־ווענ. די מאַלינעס האָבנ געשמעקט מיט זומער, מיט זונ, מיט גרינעם גראָז, אונ מיט וואָס האָבנ זײ דענ ניט געשמעקט! דאַרפסט וויסנ זײַנ נאָר איינ זאַכ: פויל זײַ ניט אונ עס! אונ בערעלע האָט זיכ טאַקע געסטאַרעט. ערשטנס, האָט ער אָפּגעקניפּט די מאַלינעס מיט דער לאַפּע, געגעסנ, געכאַפּט אַלצ, געעסטעמט שטאַרק, אָנשטאָפּנדיק א פולנ מויל מיט מאַלינעס, צוזאַמענ מיט די בלעטער, מיט קליינע כוראַשקעס, מיט ניט קיינ צײַטיקע יאַגעדעס. ווענ ער האָט זיכ שוינ אָנגעגעסנ, איז ער געוואָרנ מער אויסקלײַבער: ער שטייט, קוקט זיכ צו, קלײַבט אויס די סאַמע צײַטיקע מאַלינעס. ער קלײַבט אויס א מאַלינע, אפ וועלכער די זונ שפּיגלט זיכ מער אָפּ. ער צי־לעוועט זיכ צו מיטנ צונג, פאַמעלעכ אונ זייער געהיט לעקט ער אראָפּ די מאַלינע אונ פונ גרויס צופרידנקייט פאַרשטמורעט ער די אויגנ.

בערעלע איז געווען א גרויסער נאַשער!

און אין דער צײַט איז אַפן וועג געגאַנגען דער פּאָלק. איינער נאָכן צווייטן זײַנען געגאַנגען באַטאַליאָנען. נאָך די באַטאַליאָנען האָט זיך געצויגן דער אָבאָז, ס'קריפּענדיק מיט די רעדער און קלאַפּנדיק איבער די וואָרצלען פֿון די ביימער. וועג־ניט־וועגן האָבן געהירזשעט די פערד. בערעלע האָט געהערט דאָס הירזשען, נאָר ער איז געווען פאַרנומען מיט די מאַלינעס און האָט אַפילע ניט א טראַכט געטאָן, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן. ווייניק טערד הירזשען דעג אַפ דער בלאָטע און קלינגען נאָך צו מיט די פּענטעס, ווען זיי זײַנען אַפ דער נאַכט־פּאַשע. וועמעס דײַנע איז עס, און וואָס גייט עס אָן בערעלען?

און דער פּאָלק האָט דערווײַל זיך אָפּגעשטעלט אַף אָפּרו נעבן וועג. די רויטאַרמייער זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען איבערן וואַלד: ווער נאָך וואַסער, ווער נאָך טרוקענע צווײַגלעך אַף צו פאַנאַנדערלייגן א פײַער און ווער נאָך שווימען און יאַגדעס. צוזאַמען מיט זיי זײַנען אויך אַוועקגעגאַנגען זשוק און דער בערדיקער. כאָטש זיי האָבן זיך ניט אינטערעסירט שטאַרק מיט די יאַגדעס, אָבער אָפּשטיין פֿון דער קאָמפּאַניע האָבן זיי ניט געוואָלט. אַזאַ געוווינשאַפט האָבן זיי שוין געהאַט פאַר דער צײַט פֿון זייער מאַרש־לעבן.

און בערעלע האָט שוין דערווײַלע געטראַכט, וויאַזוי אומקערן זיך צוריק צו זיך אַהיים. ער האָט אָבער אַביסל מוירע געהאַט פאַר דער מוטער — זי וועט אים געווים דערלאַנגען קלעפּ איבערן קאַרק דערפאַר, וואָס ער איז אַוועק אָן איר דערלויבעניש. אַגעווו איז דער אָרט געווען זייער א פײַנער, די זון האָט געוואַרעמט, די מאַלינעס האָבן געשמעקט, אונטער די פיס האָט זיך געשפּרייט א פוכקער טאָך — א ווייכער און א וואַרעמער. די גרינע ברוסניק־בלעטער האָבן העל אָפּגעשײַנט אַף דער זון. איז ווי זאָל ער דאָ ניט א שפּרונג טאָן, א שטיס טאָן, איבערקוליען זיך עטלעכע מאָל איבערן קאָפּ און אַוועקלייגן זיך אַפן פּלייצע, אופהייבן אינדערהויך די האָריקע לאַפּעס און אײַנקוקן זיך אין בלויען טיפן הימל, וועלכער איז געווען, ווי ס'האָט זיך בערעלען געדאַכט, א גרויסע־גרויסע וואַלד־אָזערע. ס'איז גאָר א וווּנדער — אַף דער אָזערע שווימט די זון, קוקט זיך אײַן פֿונדערהויך אַזוי העל, אַז בערעלע מוז פאַרשטשורען די אויגן. סאַראַ כיעס עס איז צו לעבן אַף דער וועלט, ווען ס'איז דאָ א מוטער, ווען ס'איז דאָ מאַלינעס און קליינע פיגעלעך — מאַלינאָוועקעס זינגען לידלעך און די יאַגדעס בעטן זיך אַליין אין די לאַפּעס.

ס'איז פאַר בערעלען ניט א לעבן, ווי מע זאָגט עס, נאָר א מאַלינע!

ער האָט זיך נאָר געפּרוווט שטעלן אַף די לאַפּעס און אָפּטרייסלען פֿון זיך די טרוקענע נאָדלעך, ערשט ער האָט שיר ניט געבאַלעשט אַפן אָרט. ס'איז אים מאַמעש קאַלט געוואָרן אין די פּיאַטקעס. פּאַשעט אַנטקעגן אים איז פֿון הינטער די קוסטעס

ארויסגעשפרונגענ א כײַע, וועלכע ער האָט פריִער קיינמאָל ניט געזענ. די כײַע איז געווענ אינגאַנצנ א ווײַסע, אפ פיר פיס, ווי יעדער כײַע, נאָר צו דעמ אלעמענ האָט זי נאָכ געהאַט אויכ הערנער. אונ די סאַמע שרעקלעכסטע איז דאָס, וואָס די כײַע האָט געהאַט א מאָדנע באָרד, וואָס האָט זיכ ארומגעשאָקלט אפ אלע זײַטנ, אָנפילנדיק בערעלעס האַרצ מיט נאָכ מער שרעק. קיינמאָל אונ אינ ערגעצ האָט בערעלע אזא באָרד ניט געזענ—ניט בא זײַנ פאָטער, ניט בא די גרויע וועלפ, וואָס פלעגנ זיכ אָפט טרעפנ אפ די וועגעלעכ פונ וואַלד, ניט בא אלע אנדערע כײַעס אונ כײַעלעכ, מיט וועלכע ס'איז אימ אויסגעקו־מענ ווענ ניט איז צו טרעפנ זיכ. ניט בא האָזנ, ניט בא פוקסנ, ניט בא די גראָבע באַר־סוקנ, ניט באַמ שטעכיקנ יאָזשיק.

— ווײַזט אויס, אז אינ באָרד ליגט דער גאַנצער כוח...— האָט בערעלע דערשראָקנ א טראַכט געטאָנ, מערקירנדיק, וויאַזוי וואָס גיכער צו אנטלויפנ אונטער דער מאַמעס שוצ.

אונ די כײַע האָט זיכ אלצ אײַנגעקוקט אינ בערעלענ מיט גרויסע גלעזערנע אויגנ, איבערטרעטנדיק פונ איינ פוס אפ דער צווייטער. בערעלע האָט זיכ א ווארושע געטאָנ, קעדיי א קער טאָנ זיכ צוריק אונ אָנמערקנ א וועג אפ צו אנטלויפנ, נאָר פלוצלינג זעט ער— די בערדיקע כײַע, דאַכט זיכ, ווײַזט אויכ ארויס א ווילנ צו אָפטרעטנ. האָט זיכ אָפגע־רוקט אפ א גאַנצנ טראָט צוריק. בערעלע האָט זיכ דערפרייט.

— נו, הייסט עס, וועל איכ בלײַבנ לעבנ, אונ וועל נאָכ עסנ מאַלינעס...

אונ ס'האָט זיכ אימ פאַרוואָלט אזוי לעבנ, אז ער האָט זיכ אפילע געפרווט אָנעמענ מיט מוט, געוואָרנ געוואַגטער אונ האָט זיכ צוגערוקט צו דער ווײַסער כײַע אפ א גאַנצנ טראָט. ער האָט אלצ געטראַכט:

— אָט ווענ עס גיט זיכ מײַנ א כאַפ צו טאָנ זי פאַרנ באָרד אונ א פרווו טאָנ איר קוועטש... כ'קענ ניט זײַנ, אז די באָרד זאָל זײַנ שטאַרקער פונ מיר...

ער האָט זיכ דערמאָנט אפילע אָנ דער מאַמעס ווערטער, אז ס'איז אינעמ גאַנצנ וואַלד ניטאָ קיינ שטאַרקערע אונ דרייסטערע כײַע, ווי זײ, בערנ. אונ ער האָט זיכ אפ א ווײַלע פאַרטראַכט:

— אונ טאָמער איז עס גאָר א מענטש? אונ א מענטש איז דאָכ שרעקלעכער פונ אלצ, שרעקלעכער פונ אנ ערד־בינ אונ פונ א יאָזשיק...

ער האָט זיכ אָבער באַלד דערמאָנט דער מאַמעס ווערטער וועגנ מענטשנ, וועלכער גייט נאָר אפ צווײ פיס, אונ די אנדערע צווײ טראָגט ער נאָר פונ שײנקײט וועגנ, זײ זאָלנ זיכ באָמבלענ גלאַט אזוי אינ דער וועלט ארײַנ.

— הייסט עס, אז דאָס איז ניט קיינ מענטש...

אונ שטיל, פאַמעלעכ. האָט ער א טראָט געטאָנ פאָרויס. ער האָט זיכ שוינ אָנגעצילט

מיט דער לאפע, קעדיי א כאפ צו טאָנ פארנ באָרד ווי עס באדארפ צו זיינ, האָט זיכ דאָ אָפגעטאָנ כוישעכ. בערעלע האָט נאָכ ניט באוויזנ אופצוהייבנ די לאפע, האָט זיכ די בערדיקע כייע ווי א בליצ א הייב געטאָנ אינדערהויכ אונ האָט זיכ אזוי צעשפרונגענ איבער די קוסטעס, אז די מאלינעס האָבנ זיכ צעשפריצט אפ אלע זייטנ אונ נאָר א טרעשטשעריי איז אוועק איבערנ וואלד אונ צוזאמענ מיט אימ אנ אומגעלומפערטער קאָל.

— בע־ע־ע־ע...

דאָס האָט די בערדיקע כייע ארויסגעראכעוועט איר פעל, אנטלויפנדיק אפ אלע פיר אונ ניט אפ צוקלוימפערשט אָנשרעקנדיק בערעלענ, וועלכער האָט ביכלאל ניט געוווסט, וואָס ער זאָל וייטער טאָנ נאָכ אזא באגעגעניש מיט דער אומבאקאנטער באָרד. ער האָט נאָכ ניט באוויזנ קומענ צו זיכ, ווי א נייע אָנשיקעניש איז אפ אימ אָנגעקומענ, א פיל שרעקלעכערע, וואָס האָט געהאט אנ אומדערוואַרטנ רעזולטאט אפ זיינ גאנצנ לעבנ. ס׳איז נאָכ ניט פארשוווּנדנ די טרעשטשעריי פונ די טרוקענע צווייגלעכ, — דאָס איז דער בערדיקער אנטלאָפנ, ארויסראטעווענדיק זיינ באָרד, — ווי פלוצלינג איז אפ בערעלענ אָנ־געפאלנ א נייע כייע אונ האָט א כאפ געטאָנ אימ מיט די ציינער פארנ פוס. די נייע כייע איז געווענ ענלעכ אפ א גרויסנ וואָלפ. זי האָט זיכ נאָר אונטערגעשיידט פונ א וואָלפ לויטנ קאָליר — זי איז געווענ א צי שווארצע. דאָס איז, פארשטייט זיכ, געווענ אונ־דזער זשוק, וואָס איז געקומענ צולויפנ, קעדיי ארויסצוראטעווענ דעמ בערדיקנ. בערעלע האָט שוינ געהאט אָנגעגרייט זיכ א ביס צו טאָנ זשוקנ פארנ עק. אינ זשוק אָפגעשפרונ־גענ ווי אנ אָפגעבריטער אונ האָט אָבער באלד מיט נאָכ מער קאַעס א וואַרפ געטאָנ זיכ אפ בערעלענ. ביידנדיק איינער דעמ צווייטנ, האָבנ זיי זיכ געקייקלט איבער דער ערד, אופהייבנדיק גאנצע וואָלקנס שטויב אונ צעוואַרפנדיק פארגעלטע בלעטער. זיי האָבנ אופ־געהויבנ אזא קוויטשעריי אונ אזא טומל, אז מע האָט זיי באלד מאקע באמערקט, אונ א צענדליק רויטארמייער האָבנ זיי ארומגערינגלט אונ האָבנ אָפגעשלעפט דעמ בעיזשעמנ זשוקנ פונ בערעלענ. בערעלע איז געזעסנ אפ די הינטערשטע לאפעס אונ האָט טרויעריק געסקאוויעט, צירעקנדיק מיט די פאָדערשטע לאפעס דעמ קאָפ, ווי ער וואָלט זיכ פאר־טיידיקט פונ פיל פיינט.

אַכ, וועד וויס, צי ס׳וועט שוינ אויסקומענ איצט עסנ מאלינעס! — האָט בערעלע גע־טראכט, קאָסיענדיק די אויגנ פונ הינטער די לאפעס אפ די מענטשנ. וואָס האָבנ אימ ארומגערינגלט. אָבער אומקומענ איז אימ ניט אייבגעקומענ. די רויטארמייער האָבנ אימ אָנגעטאָנ א האלדזבענדל אונ האָבנ אימ פייערלעכ אוועקגעפירט צומ וועג, וווּ ס׳איז געשטאנענ דער פאָרק אפ אָפרו. די רויטארמייער זיינענ געווענ פונ דריטנ באטאליאָנ. זיי זיינענ געווענ זייער צופרידנ, וואָס טאָפקאָלטאָפ האָבנ זיי געפינענ אזא פיינע כייעלע,

און טאקע ניט אבי וואָס פאר א כּיַעלע, נאָר אַן עמעסן, לעבעדיקן בער. עמעס, ווייער בער איז נאָך געווען ניט גאָר קיין גרויסער, אָבער דערפאר איז ער דאָך געווען אסאך אינטערעסאנטער פון זשוקן און דעם בערדיקן, וואָס זיַינען געווען אינעם ערשטן און צווייטן באטאליאָן. און דער גאנצער פאָלק האָט זיך בעעמעס פאראינטערעסירט מיט בע־רעלען. עס זיַינען אָנגעלאָפן אזויפיל מענטשן א קוק צו טאָן אף אים, אז בערעלע האָט נאָר מיט די אויגן בעגלאָצט און האָט בא זיך געטראכט:

— אוי, וואָס מענטשן! און בא יעדערן פון זיי, ווײַזט אויס, איז פאראן א מוטער...

ער האָט זיך דערמאָנט אף זיַין מאמען און האָט זיך טרויעריק צעטקאווויעט.

— וויין ניט, וויין ניט!—האָבן אים די רויטארמייער געהאָלט פרייליך מאכן,־ אים איַינגערעדט און געגלעט איבער דער ווארעמער, גראָער פעל, אוש דאָס הארץ האָט פון שרעק בא בערעלען גענומען קלאַפן, ווי אַן אונטערגעשאָסן פויגל. פון אָנהייב האָט ער געטראכט צו מאכן א שטרענגן אויסזען, ער האָט אָנגעבערשטלט דעם רוקן, צעשטשירעט די ציין, אָבער, דערזעענדיק, אז קיינער כאפט אים ניט מיט א צאָן, שלאָגט ניט מיט א לאפע, האָט ער זיך בארויִקט און האָט אָנגעהויבן מילד צו קוקן אף אלעמען.

— דו, ברודער לעבן, האָסט שויַן לאנג אזוי געדארפט, נארעלע איינער,—האָט גע־זאָגט איינער פון די רויטארמייער,—האָסט ניט, ברודער לעבן, וואָס צו קאעסן...

און האָט באלד טאקע געבראכט א שטיקל צוקער און האָט עס אוועקגעלייגט נעבן בערעלען. אלע האָבן זיך געשטעלט קוקן, וואָס וועט בערעלע טאָן מיטן צוקער. און בערעלע האָט א קוק געטאָן אפן צוקער. אָנגערירט עס מיטן פוס: נישקאָשע, עס בײַסט זיך ניט! דעמלט האָט ער פאָרזיכטיק א שמעק געטאָן ־גיין, מיט קיין באזונדערן רייעך שמעקט עס ניט. האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט א לעק געטאָן מיטן צונג. ס'איז אים געפעלן געוואָרן. ער האָט גענומען מיט דער לאפע דאָס שטיקל צוקער און האָט עס אוועקגעלייגט אפן צונג. אוי, סארא גוטסקייט! ער האָט אוש די אויגן צוגעזשמורעט. לאנג האָט ער געסמאָקטשעט דאָס שטיקל צוקער, גענאשט, ארומקוקנדיק זיך אין די זיַיטן, צי קלײַבט מען זיך אים ניט געבן נאָך א שטיקל. און ווען מע האָט אים געגעבן א צווייטן שטיקל צוקער, איז ער שוין געוואָרן אזוי דרייסט, אז ער האָט אפילע מיט גרויס געפיל ארויסגעוויזן זײַן בערישן דאנק און האָט א לעק געטאָן דעם רויטארמייערס האנט.

— נו, איצט זיַינען מיר שוין מיט דיר עמעסע פרײַנט,—האָבן זיך געוויצלט די רויט־ארמייער און האָבן געפעסטעט בערעלען, געגלעט און געקראצט אים הינטערן אויער. בערעלע האָט אופגעהערט צו קאעכן און שטשירען די ציין. ער האָט נאָר געשמאק גע־זשמורעט די אויגלעך פונעם גרויסן כּיעס, וואָס ער האָט געפילט. מע האָט בערעלען גע־געבן נאָך ברויט, פיש־קאָנסערוון, דער קאפטענארמוס האָט אויסגעמאָלקן די בעהיימע

פון אָבאָז און האָט פאַר אים געבראַכט א קעסעלע מילך. בערעלע האָט זיך אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען און פון גרויס באַפרידיקונג זיך גענומען קײַקלען איבערן זאַמד, ארומגיין אף די הינטערשטע לאַפּעס און ווײַזן אַלערליי קונצן: איבערקוליען זיך איבערן קאָפּ און חי א געניטער גימנאַסט, שטעלן זיך אף די פאָדערשטע לאַפּעס.

— אַני, בערעלע, נאָך! דערלאַנג סכוירע, דערלאַנג!—האָבן אונטערגעהעצט די רויט־ארמייער דעם נײַעם לעצ, ווי האָבן זיך געהאַלטן בא די זײַטן פון געלעכטער. דעם דריטן באַטאַליאָן האָט מען באַגריסט מיטן דערפאָלג.

— אַזאַ ארטיסט האָט איר געקראָגן!

מיט איין וואָרט, דער גאַנצער פּאָלק האָט ליב באַקומען בערעלען פאַר זײַן פריילעכקייט, פאַר זײַן פלינקייט און פאַר אַלע זײַנע בערישע געניג. מערניט זשוק פלעגט קוקן פאַרדראָסיק אף בערעלען און האָט ארויסגעוויזן א געוויסע גרייטקייט א כאַפּ צו טאָן אים פאַרן אויער. ער פלעגט רוגזעדיק בורטשען, ווען בערעלע פלעגט צו אים צוגיין נעענטער. אָבער די רויטאַרמייער האָבן זיך געסטאַרעט שאַפן פרײַנטשאַפט צווישן זיי. אויך דער בערדיקער האָט מוירע געהאַט צוגיין נאָענט צו בערעלען, ער האָט אַלץ געקוקט פונדערווײַטן און האָט נעבעכדיק געשריען:

— בע־ע־ע־ע...

ווײַזט אויס, ער האָט מוירע געהאַט פאַר זײַן באָרד. מיט וועלכער ער האָט זיך באַרימט און האָט זי שוין צוויי צעפּיל געאַכטעט. די רויטאַרמייער האָבן פון אים געלאַכט:

— וואָס יאָמערסטו, בערדיקער, ~~האָסט~~—דאַכט זיך, הערנער, און קאָפּיטקעס האָסטו, און דו האָסט נאָך מוירע... גיי צו נעענטער, קום צו, וועסטו באַרימען מאַכאָרקע...

אָבער דער בערדיקער האָט ניט געוואָגט צוגיין, ניט געקוקט אפילע אף דעם געשמאַקן רייעך פון מאַכאָרקע. ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, האָט ער פאָרט מוירע געהאַט אײַנצורײַסן אין טאַקאָנע זײַן באָרד. בערעלע קען נאָך פּלוצלינג זי א ריס טאָן, און דעמאָלט ער פאַר א באָרד. וואָס האָט עס פאַר א פּאָנעם—א באָק און אָן א באָרד. ס'איז ניט געלעב אָן א באָרד. וואָס האָט עס פאַר א פּאָנעם—א באָק און אָן א באָרד. ס'איז ניט געלעב אָן א באָרד. ס'איז ניט געהערט. און עפּעטער האָט דער בערדיקער געווינט פון פאַרדראָס. מע האָט זיך פאַרנומען מיט דעם פאַסקודניאַק, און אָן אים האָט מען אײַנגאַנצן פאַרגעסן. עס האָט טאַקע צוגענומען פיל צײַט, ביז מע האָט באַפרײַנדעט בערעלען מיט דעם בערדיקן און מיט זשוקן—געמאַכט זיי פאַר עמעסע פרײַנט און כאַווירים.

אַזוי איז בערעלע אָנגעקומען אין מיליטער־דינסט.

ווען ס'האָט זיך געענדיקט דער אָפּרו, האָט דער פּאָלק זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג. בערעלען האָט מען אָנגעטאָן א שטאַרקן האַלדז־צײַמל און צוגעבונדן אף א שטריקל צום וואָגן. פון אָנהייב האָט ער זיך אײַנגעשפּאַרט, ניט געוואָלט גיין, געשלעפּט זיך מיט

גוואַלד גאָכן וואָגן. וועמען ווילט זיך עס גיין א צוגעבונדענער? ווער רעדט נאָך, אז בערעלע איז ביז איצט געגאַנגען אומעטום לויט זײַן אייגענעם ווילן, ווהין ער האָט נאָר געוואָלט. האָט מען טאַקע גענומען און אוועקגעזעצט בערעלען אפן וואָגן. דאָס איז אים בעסער געפעלן געוואָרן. דאָ איז ער רויִקער. ער קוקט זיך ארום אף די מענטשן, אף די פערד, אף די הויכע ביימער, וואָס ציִען זיך פאזע דעם וועג. ער זעט פיל טשיקאַווע זאכן, וועלכע ער האָט פריִער, וווינענדיק אין וואַלד, קיינמאָל ניט געזען. און פון וואָגן איז טאַקע פיל באַקוועמער צו באַטראַכטן זשוקן און דעם ציטעריקן בערדיקן־־אָט די טאַבעק־באָרד, וואָס איז אינגאַנצן פאַרשמעקט געוואָרן מיט מאַכאָרקע.

— אָט דאָס איז געלעבט!־־האָט בערעלע געוואָלט זאָגן, און באַטראַכטנדיק דעם וואָגן, באַשמעקנדיק אַלע זאַכן אף אים, האָט זיך בערעלע אויסגעקליבן א בעסערן אָרט, אײַנגעקנאָטן אונטער זיך די שטרוי און זיך גוט צעלייגט אף איר.

— וואָס זשע, אויב פאָרן, איז געפאָרן!

האָט ער א טראַכט געטאָן און האָט אײַנגעדרעמלט.

אַזוי איז בערעלע ארויס אין אַן אומדערוואַרטן וועג. געפאָרן אפן וואָגן, געפאָרן א טאָג, געפאָרן א נאַכט. געשלאָפן, געדרעמלט. ס׳האָבן זיך אים געחלומט כאַלוימעס וואַלדיקע, בערישע. ס׳האָט זיך אים אַלץ געדרייט אין שלאָף פאר די אויגן אַן אויסטערלישע מאַלינע־יאַגדע, א גוואַלדיק גרויסע: פונקט אָנצונעמען מיטביידע לאַפעס און טיכן מויל אויסזופן דעם מאַלינע־זאַפט. נאָר ווו נעמט מען זי, אז מע קען ניט דערלאַנגען מיט דער לאַפע. אָט־אָט, דאַכט זיך, כאַפּסטו זי אָן, די נאָז דערשמעקט דעם רייעך, איבער דער דער טאַטע נאָז קלאַפּט זי זיך אָפּ, די יאַגדע, און שפרינגט אונטער אינדערהויך־־זייער הויך, אוש אונטער דער זילבערנער לעוואָנע, אונטער די בלויע שטערן. בערעלע איז אוש אונטערגעשפרונגען. א שפרונג געטאָן און האָט זיך אויפגעכאַפּט. ס׳איז געווען האַלבע נאַכט, שטיל. האָבן געסקריפּעט די רעדער פון וואָגן, און דער וואָגן אַליין האָט זיך ווייך געהוידעט איבערן וועג. און דער וועג אַליין האָט געשווומען, פונקט ווי דורך א נעפּל, אין שײַן פון דער לעוואָנע. פון פאָרנט האָבן די פערד געכראָפּעט און האָבן צעשראָקן באַוועגט מיט די אויגן, דערפילנדיק בערעלעס נאָענטקײַט. נאָענט פין וואָגן איז שווײַגנדיק געגאַנגען זשוק, נאָך אים—א פאַרשלאָפענער, דער בערדיקער. און איבערן וועג, איבערן וואַלד, איבער די שווײַגנדיקע גרופּעס מענטשן, איבער די וועגענער האָט זיך צעשפּרייט א טיפער הימל, פונקט ווי א גרויסע וואַלד־אָזערע. און אף דעם הימל איז ארומגעשווומען א זילבערנע לעוואָנע, און ס׳האָבן געפינקלט אַזוינע העלע און פילפאַרביקע שטערן. ס׳איז געווען לופטיק. בערעלע האָט זיך ארומגעקוקט, אָפּגעזיפצט, באַהאַלטן די נאָז אין די וואַרעמע לאַפעס און האָט ווידער אײַנגעדרעמלט.

א מאָדנער כוילע, צוקער אונ דעם באָקס טאבעק

א טאָג נאָכ א טאָג האָט זיכ בערעלע צוגעוווינט צו דעם מיליטערישנ איניען. עמעס, ער איניען איז גאָרניט געווענ אזא שווערער, ווײַל געלערנט האָט מענ אים ביסלעכווײַז, אונ ספעציעל פאַר אים איז די ווייסנשאפט גאָרניט געווענ אזא טיפע. מע האָט געדארפט בערעלענ דיסציפלינירנ, צוגעוווינענ אים צו אָרדענונג, ער זאָל וויסנ זײַנ אָרט אונ זאָל קענענ אויספילנ גאָר גרינגע פליכטנ פונ א לעצ פארנ פאָלק. מיט די דאָזיקע פליכטנ פלעגט ער זיכ ספראַווענ גאַנצ ערנסט אונ עמעסדיק, אונ דעריבער האָט מענ אים ליב געהאט אונ געאכט מיט יעדנ טאָג אלצ מער אונ מער.

בערעלע האָט געהאט אפ זיכ א פאָר אוויירעס צוליב זײַנ שטאַרקנ יאָגנ זיכ אפ עפעס א נאש צו טאָנ. זיצנדיק אפנ קאַפטענארמוסעס וואָגנ, ווו עס איז געווענ צונויפגעלייגט אלערליי עסנוואַרג פארנ באטאליאָנ, האָט בערעלע דערשמעקט א זעקל מיט צוקער. שטילערהייט, אז קיינער זאָל ניט זענ, האָט בערעלע דורכגעריסנ דעם זעקל אונ האָט אפנ פולנ מויל גענומענ נאשנ דעם צוקער. ער האָט זיכ געסטאַרעט עסנ וואָס מער, סײַ באטאָג, סײַ באנאכט. ער זיצט זיכ אונ שלעפט צוקער, כראָמשקעט זיכ אונטער, קאָסיענדיק א בליק אפ דעם בערדיקנ, וועלכער איז אפילע אפ א טראָט ניט אָפגעשטאַנענ פונעם וואָגנ, ווײַל אים פלעגט אויכ אָפטמאָל צופאלנ עפעס פונ וואָגנ: א לוסטע ברויט, א לעפל קאשע, אָדער עפעס אנדערש וואָס לויט זײַנ געשמאק. כראָמשקעט זיכ בערעלע דעם

צוקער און טראכט אפילע ניט וועגן עפעס אנדערש וואָס. ער נעמט גאָרנישט אין מויל, כוץ עפשער מילך און ריינע וואסער. די רויטארמייער האָבן זיך באומרויִקט, געדייגעט. אוועקגעלאָפן נאָכן דאָקטער־וועטערינאר:

— שלעכט, כאווער דאָקטער, א גרויסער אומגליק האָט אונדז געטראָפן.

— וואָס האָט פאסירט?

— בערעלע איז קראנק געוואָרן: נעמט ניט אין מויל וואָס א האָר איז ווערט. פארלאָרן איינגאנצן דעם אפעטיט. וואָלט ער פרווון וועלן עסן...

— וואָס קען עס זיין?

מע איז געקומען צו בערעלען. ער האָט זיך באלעבאטיש צעלייגט אפן וואָגן, ארויסשטעלנדיק דעם רוקן אפן דער זון, און האָט נאָר מיט איין אויגל געקוקט טאמעוואטע אף די מענטשן.

— זיי ווארטן, ווייזט אויס, אף קונצן! — האָט בערעלע א טראכט געטאָן און האָט זיך טאקע פלינק איבערגעקערט, נאָכדעם האָט ער זיך א קייקל געטאָן איבערן קאָפ, נאָר צום סאָף איז ער גאָר געבליבן שטיין אף די פאָדערשטע לאפעס, אופהייבנדיק הויך די הינטערשטע פיס און באלאנסירנדיק מיט זיי אינדערלופטן.

— בערעלע, מע דארף ניט! באמי זיך ניט, בערעלע, דו ביסט דאָך אזוי קראנק, אזוי שוואך... — האָבן די רויטארמייער גענומען איינריידן זייער ארטיסט, ער זאָל אופהערן מיט זיינע קונצן. — דו דארפסט דאָך אָפרוען, אָט האָבן מיר געבראכט אפילע א דאָקטער!

מיט גרויס מי האָט מען בערעלען איינגערעדט, ער זאָל איצט אָפרוען.

— ס'איז פאָשעט מאָדנע! — האָט געזאָגט דער דאָקטער, באטראכטנדיק דעם כוילע, — ער איז ניט געזונט און מאכט אזוינע קונצן! וואָס האָט איר געזאָגט, ער עסט ניט?

— נעמט ניט אין מויל... אכוץ וואסער, נעמט ער גאָרנישט צו די ליפּן! איר זעט דאָך, אז ער איז כוישעכלעך געוואָרן, איינגעפאלן די זייטן...

— המם... כוישעכלעך... אלץ הייסט כוישעכלעך, אז דער רוקן גלאנצט אפ דער זון, ווי מע וואָלט אים באשמירט מיט בוימל... נאָר מיר וועלן א קוק געבן...

דער דאָקטער האָט גרויסארטיק אָנגעטאָן דיברילן, ארויסגענומען דאָס טרייבל.

— נו, מיילע, דערלויבט אייך צו באטראכטן! — האָט ער זיך העפלעך געווענדט צום כוילע און האָט זיך גענומען אים אויסהערן. אלע האָבן אופמערקזאם נאָכגעקוקט נאָך זיין יעדער באוועגונג און מיט אומגעדולד געווארט אף זיינע אויספירן. בערעלע האָט בערן אונטערגעשטעלט זיינע גראָע זייטן, פאריסן די לאפעס אינדערהויך און האָט זיך אלץ געסטארעט פון גרויס פרייד א קוש צו טאָן דעם דאָקטער. ס'האָט זיך אים אויסגע־



וויזן, אז מע פעסטעט אים, מע וויצלט זיך מיט אים. דעריבער האָט ער מיט פאַרגעניגן איבערגעקערט זיך פון איין זײַט אױפן צווייטן, אונטערגעשטעלט דעם בויך, אײַנגעבויגן דעם קאָפּ — ער האָט זייער ליב געהאַט, ווען עמעצער פלעגט אים א קראַץ טאָן הינטערן אויער. סאָפּקאָלסאָפּ האָט ער זיך זײַניקע דערשלאָגן. ער האָט זיך אָנגעצילט און האָט טאַקע געטראָפן א לעק צו טאָן מיטן צונג דעם דאָקטערס נאָז.

— מאָדנע, מאָדנע! — האָט ווידער געזאָגט דער דאָקטער, אויסווישנדיק די נאָז מיט א טיכל. — א נאָרמאַלע האַרץ, אַרבעט ווי א מאָטאָר, אָן קיינע טומלענישן און איבעררײַסן... זאָגט איר, אז ער עסט ניט?

— קיין סקאָרינקע ניט אפילו... דעם דריטן טאָג, אז ער הונגערט...

— הממ... א זעלטענער צופאַל... אינטערעסאַנט... די טעמפּעראַטור איז נאָרמאַל, דער אויסזען איז א פריילעכער... מע קען זאָגן, אז דער כוילע איז פולשטענדיק געזונט...

— וואָס הייסט, דאָקטער, געזונט... שטענדיק האָט איר אזוי ליב צו ריידן, וואָס זשאַלעוועט איר א ביסל מיקסטורע? — האָבן ניט אַפּ צוקלוימערשט גענומען קאַעסן די רוויטאַרמייער, אומצופרידענע מיטן מעדיצינישן דורכקוק פונעם כוילע.

— וואָס רעדט איר, וואָס רעדט איר! דאָ גייט ניט אין דער מיקסטורע... — האָט דער דאָקטער געזאָגט. — ווײַזט אויס, אז אײַער כוילע לײַדט פון עפּעס אן אנדער סיבה... מעגלעך, די נײַע פּראָפּעסיע אָדער אנדערע ענדערונגען אין לעבן... און מעגלעך, אז אזא גרויסער וועג האָט אַפּ אים געווירקט... עס זײַנען מעגלעך אַלערליי סיבעס, וואָס זײַנען נאָך גרונטלעך ניט דערלערנט געוואָרן דורך דער וויסנשאַפט...

און דער דאָקטער האָט גענומען דערציילן וועגן א גאַנצער ריי פאַלן אין דער מעדיצינישער פּראַקטיק, וואָס האָבן געקלונגען ווי א רעטעניש. די פּנעמער בא די רוויטאַרמייער האָבן זיך אויסגעצויגן, זײַנען געוואָרן אומעטיק, און יעדערער פון זיי האָט גלײַך א טראַכט געטאָן:

— נו, בערעלע, ניט אנדערש, אז דו ביסט שוין א פאַרטיקער, וויבאַלד אז די קרענק איז שוין אזוי ווײַט פאַרגאַנגען...

און אַלע זײַנען מיטאַמאָל אָנגעפאַלן אַפן דאָקטער.

— דאָקטער, טײַערער, ראַטעווע בערעלען! מיר קענען דאָך אָן אים ניט אויסקומען...

— נו, וואָס זאָל איך מיט אײַך טאָן, — האָט זיך דער דאָקטער פאַרטראַכט, צוקלײַבנדיק די בעסטע הייל־מיטלען פאַר בערעלעס קרענק. — ס'איז אַפּ דער וועלט ניטאָ אזא קרענק, קעגן וועלכער עס זאָל זיך ניט געפינען די געהעריקע רעפּוע... אַלנפאַלס קען מען פּרובירן... נו, גיט אים כאָטשבי ריצנ־איל... מען קען אויך א קאַנע... נאָר אײַלט זיך אונטער... און איבערהויפּט רויִקײַט, אַבסאָליוטע רויִקײַט פאַרן כוילע...

ווי נאָר בערעלע האָט דערהערט חעגנ רויִקײַט, איז אפ אימ אָנגעפאַלנ א מינ בײַ־סעניש. ער האָט בענומענ פראוועג אזוינע קונצנ, אז פונ וואָגנ איז ארויס א שטויב, אונ זשוק, וואָס איז נאָכגעלאָפנ פאזע דעמ וואָגנ, האָט אזוי אָנגעהויבנ בילנ, אז דעמ דאָקטער איז אויסגעקומענ אזש צו פארשטעלנ די אויערנ. אונ וואָס האָט בערעלע ניט אָפּגעטאָנ: ער האָט זיכ געשטעלט אפנ קאָפּ, געטאנצט אפ די הינטערשטע לאפעס, גע־קוליעט זיכ אפנ וואָגנ אינדערלענג אונ אינדערברייט, אָנוואַרפנדיק א שרעק אפ די פערד, וועלכע האָבנ זיכ נאַר קוימ צוגעוווינט צו בערעלענ.

— המ... מאָדנע... מאָדנע...—האָט זיכ אלצ געוווּנדערט דער דאָקטער.—איז איבער־הויפּט רויִקײַט אונ אבסאָליוטע שטילקײַט פארנ כוילע,—האָט ער געזאָגט, קוקנדיק מיט א פײַנטלעכנ בליק אפ זשוקנ, וואָס האָט געבילט.

אָבער בערעלענ, אפ זײַנ גליק, אונ עפּשער אפ זײַנ אומגליק, איז ניט אויסגעקומענ צו באקאנענ זיכ ניט מיט דער קאנע אונ ניט מיט די ריצנ־אייל. ער האָט זיכ אָקאָרשט געקליבנ אוועקוואַרפנ זײַנ קײַקלענ זיכ אפנ וואָגנ, איז גראָד צוגעגאנגענ דער קאפּטע־נארמוס, וועלכער איז א פּאָר טעג ניט געווענ נעבנ וואָגנ, ער האָט א קוק געטאָנ פונ אָנדערווײַט אונ האָט זיכ געכאפּט פארנ קאָפּ.

— אוי, וואָס ער האָט אָנגעטאָנ, דער וואלד־גאנעוו! ווו וועל איכ איצט נעמענ, הא?.. פונוואנענ וועל איכ איצט נעמענ?.. אראָפּ פונ וואָגנ, גאזלענ, אראָפּ, סימוליאנט, אראָפּ, רויבער!

— שטילער, שטילער, דו, דער כוילע דארפ האָבנ רויִקײַט, ער הונגערט שוינ דעמ דריטנ טאָג...

— א כוילע? הו־ו־נגע־ע־ע־רט! צעמאָלט א האלבנ זאק מיט צוקער... ס'איז דאָכ ניט קיינ געלעכטער, ס'איז געווענ א גאנצער זאק, אונ ס'איז איצט נאָר אפנ דעק געבליבנ... קריכ אראָפּ פונ וואָגנ, סוילער, סימוליאנט!

אונ בערעלע—עס זאָל אימ כאָטש ארנ. ווי אפ צולאָכעס, גענומענ נאָכ א שטיקל צוקער, אוועקגעלייגט עס הינטערנ באק אונ גענומענ בײַסנ אונ קנאקנ ווי ניס.

וויפל געלעכטער אונ כויזעקערײַ עס איז דאָ געווענ. מע האָט געלאכט פונ בערעלעס קרענק, פונ זײַנ הונגער־שטרײַק. מע האָט מיטגעפילט דעמ קאפּטענארמוס אונ טאקע דאָ האָט מענ אימ אָנגערופנ פארשלאָפענע בריִע. ס'איז אויכ א ביסל געווענ ניט אָנגענעמ דעמ דאָקטער. ער איז געשטאנענ, געשטאנענ, אוויילע א טראכט געטאָנ אונ האָט נאָר געקענט זאָגנ:

— מאָדנע... מאָדנע... ממ... די קרענק, אזוי צו זאָגנ, נעמט אָנ א פּסיכאָלאָגישנ

כאראקטער... סי־י־מו־ו־ר־ליאציע... און דאָס געהערט ניט צו מײַן ספּעציאַליטעט, אַפֿ וויפֿל צו מײַנע פּאַציענטן האָט די דאָזיקע קרענק קיין שײַכות ניט...

— און ווי וועט זײַן פֿונדעסטוועגן מיט די הייל־מיטלען, וואָס איר האָט צוגע־שריבן? — האָבן די רויטאַרמייער שיר ניט אויסגעשאָסן א געלעכטער.

— אָפּשאַפֿן דאָס, וואָס איך האָב צוגעשריבן... גיט אים פֿולע פֿרײַהײַט און מער זאָלט איר נאָענט פֿון אים ניט שטעלן קיין זעקלעך צוקער...

דער גאַנצער פּאָלק האָט געלאַכט פֿון בערעלעס „סימוליאַציע", פֿון דעם קאַפּטע־נאַרמוס, פֿון די רעפֿועס. אַפֿילע זשוק, דערזעענדיק אַן אַלגעמיינע פֿריילעכקײַט און גע־לעכטער, האָט אויך גענומען באַווײַזן א פּאָר נומערן. און נאָר דער בערדיקער האָט לויט זײַן אומבאַוווסטזיניקײַט אַלץ ניט געקענט פֿאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען. ער איז נאָר צוגעגאַנגען פֿאָרזיכטיק צום וואָגן און האָט פֿאַרצויגן זײַן אומעטיקע ליד:

— בע־ע־ע־ע...

אַפֿ אים האָט דער ברויגעזער קאַפּטענאַרמוס זיך פֿאַרמאָסטן מיט א לײַדיקן זאַק.

— אַוועק פֿונדאַנען, בערדיקע פּודלע, דו קריכסט נאָך אויך, שלימאַזל!

מע האָט אים אײַנגעשטילט, באַרויִקט.

— וואָס באַלײַדיקסטו די באָרד, וואָס האָסטו צו איר?

מיט איין וואָרט, אין דעם טאָג האָט דער קאַפּטענאַרמוס צעריסן אַלע דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט בערעלען, מיט זשוקן און מיט דעם בערדיקן און איז געוואָרן זייער פֿאַרביסענער סוינע. און האַגאַם דאָ איז געווען געגוג געלעכטער און שפּאַס, דאָך האָט זיך עס פֿאַר בערעלען געענדיקט גאַנץ טרויעריק און מיט א גרויסן קאָנפֿוז. וויפֿל ער האָט זיך ניט אײַנגעשפּאַרט, ניט וועלנדיק פֿאַרלאָזן דעם אײַנגעזעסענעם פּלאַץ אויפֿן וואָגן, דאָך האָט ער געמוזט זיך איבערקלײַבן אויף אַן אַנדער דירע, אויף אַן אַנדער וואָגן. בערעלע איז א ביסל געווען אינקאַעס פֿאַר אַלע אומאָנגענעמלעכקײַטן באַם אַריבער־קלײַבן זיך, אין אומאָנגענעמלעכקײַט האָט שוין געשטויסן צו אַן אַנדער אומאָנגענעם־לעכקײַט. ווען ס'האָט זיך אויף א ווײַלע אַלץ אײַנגעשטילט און אײַנגעאָרדנט, האָט בע־רעלע באַטראַכט זײַן נײַע דירע, אַרומגעשמעקט יעדן ווינקל, אַרומגעטאַפּט יעדעס קעסטל, נאָר קיין רעכטס און אינטערעסאַנטס האָט ער פֿאַר זיך ניט געפֿונען. האָט ער דען עפּעס א הערט פֿאַר אים א פּעקל מאַכאָרקע, וואָס ער האָט אָנגעטאַפּט אין איינער פֿון די קעסטלעך. א ביסל ביטערניש און גאָר. און קעדיי א ביסל אײַנצושטילן דעם קאַס פֿאַר אַלץ, וואָס האָט אים ניט געגליקט, האָט זיך בערעלע גענומען פֿאַנאַנדערלאָדן דעם וואָגן, קעדיי בעסער אײַנמאָשטשען זיך אויף באַנאַכט. אָט די דאָזיקע אויסלאָדונג האָט ער באַ־שטימט אָנהייבן פֿונעם טאַבעק. ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט ער גענומען א פּעקל מאַ־

כאָרקע און באַצ אַפ דער ערד. און אָט דאָ האָבנ פּאַסירט ניט־פאָרויסגעזעענע געשעענישנ, וועלכע האָבנ געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַפ דער עמעסער פרײַנטשאַפט פונ אונדזערע ארטיסטנ: פונ בערעלעג, דעם בערדיקנ און זשוקנ. בערעלע האָט אַ וואָרפ געטאָנ אַ פעקל מאַכאָרקע אַפנ וועג און האָט זיך פאַרוווּנדערט: פונוואַנענ האָט זיך גענומענ דער בערדיקער, יענער האָט צוגעכאַפּט די מאַכאָרקע, גייט נאָך נאָכנ וואָגנ, מאַלעניירעט עס און טרייסלט נאָך צו מיט דער גראָער באָרד. און וואָס מער בערעלע האָט געקוקט, האָט ער זיך אַלצ מער געוווּנדערט: פונ דעם פעקל מאַכאָרקע איז שוינ געבליבנ מערניט ווי דער באַנדעראָל און אויב דאָס האָט דער בערדיקער נאַשער אַרומגעלעקט.

— דערפילט אַ טאַמ! ווײַזט אויס, פונ אומבאַוווּסטזיניקײַט... נאָר וואָס קענ מענ וועלנ פונעמ בערדיקנ...—האָט בערעלע אַ טראַכט געטאָנ וועגנ אים.

און יענער (ווו האָט זיך גענומענ אַזאַ האָזע) איז צוגעגאַנגענ האַרט צומ וואָגנ און האָט פּאָשעט אַ זאָג געטאָנ בערעלענ אינ פּאָנעמ אַרײַנ:

— בע־ע־ע...

— אָט אַ נאַר,—האָט בערעלע אַ טראַכט געטאָנ,—ער קענ נאָך מיינענ, אַז איך זשאַלעווע אים די דאָזיקע גוטס... און ער האָט אַ וואָרפ געטאָנ אַפנ וועג נאָך אַ פעקל מאַכאָרקע. ער האָט אַזוי לאַנג געוואָרפנ, ביז ער האָט דערזענ, אַז מיט דעם בערדיקנ טוט זיך עפּעס ניט גוטעס. דער בערדיקער האָט אָנגעהויבנ קערנ מיט דער באָרד דעם שטויב פונ וועג, וואַרפנדיק זיך אַפ אַלע זײַטנ, ווי אַ פאַרסאַמטע פליג. און דער קאָל איז גאָר אָפּגעשוואַכט געוואָרנ. דער בערדיקער ציטערט און פאַרקלינעט זיך:

— בע־ע־ע־ע...

דאָ האָט זיך נאָך אַרײַנגעמישט זשוק. דערזענ, אַז מיטנ כאַווער טוט זיך עפּעס, איז ער צוגעלאָפנ צו אים, אַ שמעק געטאָנ און אַ לעק געטאָנ פונ באָרד און איז אָפּגעשפּרונגענ ניסנדיק. פונ דער באָרד האָט אַזוי שטאַרק געשמעקט מיט טאַבעק, ווי ניט געגליכנ פונ דער פּיפּקע, וועלכע דער נאַטשאַלניק פונ דער פאָלק־ווירטשאַפט האַלט שטענדיק אינ מויל.

און דער בערדיקער איז דערווײַל גאָר געבליבנ אָנ קויכעס, פאַרלאָרנ די שטימ, געגלאָצט מיט די אויגנ און האָט זיך אַלצ געסטאַרעט לייגנ אַפ דער ערד. זשוק האָט זיך געוואָרפנ אימ ראַטעווענ—געטרייסלט דעמ באָק אינ אַלע זײַטנ, אונטערגעשפּאַרט אימ מיט זײַנ רוקנ, געשלעפּט אימ פאַר די הערנער—ס'האָט גאָרניש געהאָלפנ. דער בערדיקער איז זיך געלעגנ אַפנ וועג, און ער האָט מיט אימ גאָרניש ניט געקענט מאַכנ.

זשוק האָט דערזען, אז עס האלט שמאָל מיט דעם בערדיקן, האָט ער אָנגעהויבן שרייַען
„גוואלד!“ ער האָט אופגעהויבן אזא טומל און בילערייַ, אז עס זייַנען אלע מענטשן
אָנגעלאָפן. מע האָט געוווּסט, אז זשוק וועט גלאט אין דער וועלט אריַין ניט בילן. און
בערעלע, זיצנדיק אפן וואָגן, האָט זיך צוגעקוקט צו דאָך אלץ, וואָס איז געשען, און
האָט פארשטאנען, אז דאָ קומט פאָר עפּעס ניט גוטעס. און ווען מענטשן זייַנען אָנגע-
לאָפן, האָט ער איבערגעלאָזט זייַנע עקספּערימענטן איבער די קעסטלעך און האָט זיך
באהאלטן אין זעקל. דאָרט איז ער געבליבן ליגן שטיל, ווי א טויטער.

דערווייַל האָט מען זיך גענומען פארן בערדיקן. באגאָסן אים מיט וואסער, אָנגע-
טרונקען אים מיט סראָוועטקע, אָטכמיעט ווי ס'איז ביז פרימאָרגן די באָרד, געשטעלט
אפ די פיס.

— ס'איז א קלײניקייַט, אזויפיל אָנעסן זיך מיט טאבעק... שיר ניט פארסאמט זיך...
און ווער האָט עס אים אזוי מעכאבעד געווען?..

מע האָט געזוכט דעם שולדיקן, און בערעלע האָט אראָפּגעקוקט פון וואָגן ווי ניט
אים מיינט מען. צי זייַן געוויסן האָט זיך אין אים צערעדט, צי עס זייַנען דערעסן גע-
וואָרן בערעלען די אלע ניט-אינטערעסאנטע זעקלעך, ווו ס'איז קיין ברעקל צוקער ניט
געווען, נאָר ער האָט געוואָרפן די אָפּעראציע פון אויסלאָדן דעם וואָגן.

דער בערדיקער אָבער, ניט געקוקט אפ די איבערגעלעבטע אופרעגונגען, האָט דער-
פילט צו בערעלען גרויס אכטונג און ליבשאפט—קײנער האָט אים קיינמאָל אזויפיל ניט
מעכאבעד געווען מיט מאכאָרקע. ס'האָט זיך גלייַך ארויסגעוויזן, פארשטייט זיך, אז עס
פעלט מאכאָרקע. אָבער קיינער האָט ניט געקענט אין דעם באשולדיקן בערעלען. וואָס
טויג אים אזא ביטערניש. נו, און דער בערדיקער האָט ניט געהאט קיין סיבע אויסצור-
זאָגן דעם סאָד, מעגלעך פון אומבאוווּסטזיניקייַט און עפּשער טאקע צוליב כאווערישע
באציִונגען. די געשעעניש מיט די טאבעק איז פארגעסן געוואָרן, און בערעלע אליין איז
אויך געוואָרן מער פּינקטלעכער און דיסציפּלינירטער.

כוץ דעם, עס זאָל בא בערעלען ניט זייַן קיין איבעריקע נויגונג צו נאשן—האָט מען
אים איבערגעפירט אפן דריטן וואָגן, אינעם פארק פון ביקסן און קוילנווארפערס. ער
האָט זייער אופמערקזאם באטראכט דעם וואָגן און האָט גאָרנישט געפונען, עס זאָל עפּעס
זייַן ענלעך צו נאשערייַ. ער האָט גענומען אפן צאָן א פּאטראָן—האָט ער קיין שום טאם
ניט דערפילט, כוץ דעם האָט ער נאָך געקענט צעברעכן די ציינער. ער האָט אריַינגע-
רוקט די לאפּע אין די בוימל, מיט וועלכע מע שמירט די ביקסן, א לעק געטאָן, און
האָט נאָכדעם לאנג געקרימט זיך און געניאָסן, פלייַסיק אָפּווישנדיק דעם צונג אָן די
זעקלעך און אָן די שטרוי. אם דעם האָט ער פארענדיקט זייַנע אויספאָרשונגען און איז

שוינ געהערט צופרידנ פונ דעם פאיאָק, וועלכנ ער פלעגט יעדנ טאָג באקומענ פינקטלעכ און צודערצײַט.

בערעלע האָט ניט געהונגערט. דער פאיאָק פלעגט אים קלעקנ. און כוצנ פאיאָק פלעגט ער נאָכ אויכ וואָס ניט איז באקומענ. קימאט אלע פלעגנ מעכאבער זײַנ דעם ליבלינג פונ פאָלק: מיט ברויט, מיט א שטיקל צוקער, מיט א גוטנ שטיקל שעפסנ-פלייש, מיט א קוואָרט פרישע מילכ. אלע האָבנ אים ליב געהאט, אלע פלעגנ זאָרגנ פאר אים—די קאָמאנדירנ און די רויטארמייער.

ס'איז נאָר פארבליבנ ניט דערליידיקט די פראגע מיט זײַנ אָנצוג, מיט בערעלעס אמוניציע, נאָר וועגנ דעם שפעטער.

3. וועגנ דרײַסטנ קעמפער בערעלע...

דער איניען מיטן געגעראלישן מונדיר

איינמאָל, ווען מע האָט זיך צעלייגט אפ אָפרו און די רויטארמייער האָבן זיך פריילעך געמאכט, האָט בערעלע באוויזן זײַנע אָרדנטלעכע נומערן. ווי אן אקטיאָר פלעגט ער פון יעדן טאָג אלץ מער און מער באקומען א גרעסערע קוואליפיקאציע און זײַנע „ספעקטאקלען" זײַנען געוואָרן אלץ מער פארשיידנארטיקער און אינטערעסאנטער. אויב אין די ערשטע טעג פלעגט בערעלע קענען אויספילן פּאַשעטע קונצן, שטעלן זיך אפן קאָפּ, גיין אפ די פאָדערשטע לאפעס, האָט שוין איצט בערעלע געקענט ווײַזן, ווי עס באלעקט זיך די אנטאנטע, קוקנדיק אפ אונדזער סאָוועטישער ערד, ווי עס בלאָזט פון זיך דער פוילישער פּאָרעץ און שארפט די ציינער אפ אונדז, וויאזוי די פריצים זײַנען אראָפגעמעכאבעט די פויערים מיט שמיץ, וויאזוי דער ארבעטער האָט דעם פּאָרעץ אקדרייט דעם קאָפּ. בערעלע האָט זיך אויסגעלערנט צו ווײַזן פיל זאכן, און אין זײַן אקטיאָרישער ארבעט האָבן אים אקטיוו מיטגעהאָלפן דער בערדיקער און זשוק. זשוק פלעגט געוויינלעך צוטראָגן אין די ציין פאר בערעלען אזוינע אקטיאָרישע כפייצים: א שטעקל, א קאפעליוש, אָדער א פויק. ער פלעגט צוטראָגן און, מיט אכטונג א דריי טאָנדיק מיטן עק, פלעגט ער אָפגיין אָנאזײַט און באשיידן קוקן אפ דער „פּאָרשטעלונג", אויסהייבנדיק אין דער נייטיקער רעגע א הילכיקע אָדער שטילע בילערײַ. דאָס זײַנען געווען זשוקס אייגנארטיקע אפלאָדיסמענטן. דער בערדיקער אָבער האָט אליין געדארפט אויספילן מיט

בערעלען אייניקן נומערן. באַזונדערס איז אים ניט געפעלן געווען איין סצענקע, ווו ס'האָט געהאַט אויסצושטיין זײַן באָרד. און ווי נאָר דער בערדיקער פלעגט דערהערן די קאָמאנדע „אנו, בערעלע, גיב נאָר א טרייסל דעם אלוועלטלעכן בורזשוי, די אלוועלט־לעכע שלאנג פאר דער באָרד"—פלעגט ער זיך גלײַך לאָזן פליִען אף אלע פיר. נאָר אנטלויפן פלעגט ער גלאט לעפּאָנעם וועגן. גיך פלעגט מען אים כאפּן און מע פלעגט אים ברענגען מיט גוואלד צו בערעלען. מע פלעגט ווידעראמאָל געבן די קאָמאנדע, און בערעלע פלעגט פעסט א נעם טאָן מיט בײדע לאפּעס דעם בערדיקנס באָרד און פלעגט גאנץ ענערגיש טרייסלען זי פון לינקס אף רעכטס, שלעפּנדיק זי אף אראָפּ און אײַנ־בויגנדיק יעם בערדיקן צו דער סאמע ערד, ביז יענער פלעגט זיך שטעלן אף די קני. ער פלעגט טרייסלען אזוי לאנג זײַן באָרד, ביז די אלוועלטלעכע שלאנג פלעגט ניט אָנהייבן בעטן ראכמים, ניט גאָר צארט ארויסשרײַענדיק אף אלע קוילעס דעם שטענדיקן:

— בע־ע־ע־ע...

— פאָרזיכטיק, בערעלע, פאָרזיכטיק! טרייסל, נאָר צעטרייסל ניט! דו לעבסט צו שטארק איבער דײַן ראָלו!—פלעגט מען וואָרענען בערעלען. און ער פלעגט א הייב טאָן דעם באָק פאר די הערנער, לאָזן אים צורו און זייער אָנשטענדיק פארנויגן זיך פאר דעם אוילעם. דער בערדיקער, אָפּטרייסלענדיק זיך פון שטויב, פלעגט גיך לויפן צו די רויטארמייער, קעדיי פריִער פון בערעלען באקומען די געהעריקע באלוינונג פאר דער פאָרשטעלונג.

— אָט איז א זשעדנער, קיינמאָל וועט ער זיך ניט אָנפרעסן,—האָט בערעלע גע־טראכט וועגן דעם בערדיקן און האָט אים דערפאר ניט גאָר שטארק ליב געהאַט.

דעם לעצטן נומער פלעגט בערעלע אליין ווײַזן. איינער פון די רויטארמייער פלעגט פײַערלעך אָפּגעבן די קאָמאנדע:

— אנו, בערעלע, ווילער אקטיאָר פון זײַן מאיעסטעט, פון די פעלקער פונעם גאנצן דריטן באטאליאָן און פונעם גאנצן אומבאזיגבארן שיסער־פאָלק, באװײַזן אונדז אף שרעק אונדזערע פײַנט א פארווײַלונג, וויִאזוי עס שטארבט אונטער דער רויטער פיקע די אלוועלטלעכע שלאנג—די קאָנטר־רעוואָליוציע!

בערעלע פלעגט זיך שטעלן אף די הינטערשטע לאפּעס, פלעגט זיך אָנכאפּן מיט שרעק פאר די זײַטן און זיך א וואָרף טאָן אף דער ערד, איבערקערן זיך אפן פלייצע און ווארפן מיט די קורצע פיסלעך אינדערלופטן, ארויסשטעקנדיק דערבײַ דעם צונג פון מויל. בערעלע פלעגט מיט אזא דיסציפּלינירטקײַט אויספילן דעם נומער, אז אלע פלעגן זיך האלטן פאר די בײַכער פון געלעכטער. און אפילע דער באשיידענער און שטילער

זשוק פלעגט זיך אויך אונטערגעבן דער אלגעמיינער פריילעכקייט און זיך לאָזן לויפן אף אלע פיר—רייצן זיך מיט דעם בערדיקן און בילן אף אלעמען. אויך דער בערדיקער פלעגט אופהערן צו מאלעגיירען—שטענדיק פלעגט בא אים עפּעס מוזן זײַן אין מויל, א זאנג, צי א שטרויעלע—און ער פלעגט קוקן מיט צעגלאָצטע אויגן אף בערעלען, גע־שאָקלט גוטמוטיק מיט דער באָרד און קוים ארויסגעזײַט דורך די ציינער:

— בע־ע־ע...

און אָט, אז בערעלע האָט פארענדיקט זײַן אָרדנטלעכע פאָרשטעלונג, איז ארויסגע־טראָטן איינער פון די יונגע קאָמאנדירן.

— ברידער,—האָט ער געזאָגט,—מיר האָבן ליב דעם אקטיאָר, אָבער מיר זאָרגן ניט וועגן אים ווי ס'דארף צו זײַן. ווו איז עס געהערט געוועז, אז אן אקטיאָר זאָל ארום־גיין באָרוועס? ווו איז עס געזען געווען, אז אן אקטיאָר, זאָלט איר מיר מוחל זײַן, זאָל ארומגיין אָן הויזן? ווי ניט ווי, איז שוין נאָענט צו הארבסט... חי ניט ווי, קען זיך די כײַעלע נאָך פארקילן.

— בערעלען אמוניציע! הויזן גיט אים!—האָבן אין איין קאָל געשריִען די רויטאר־מייער, און אָן קיין שום איבעריקער אָפּשטימונג האָט מען באשטימט אָנטאָן בערעלען, ער זאָל באקומען א קעספערישן אויסזען. בערעלע האָט, פארשטייט זיך, גאָרנישט ניט געהאט קעגן דער באשטימונג, ווײַל ער האָט זיך ביכלאל ניט פאנאנדערגעקליבן אין אזוינע מאָדנע איניאָנים, ווי אמוניציע.

לאנג האָט מען געטראכט, וואָס פאר א פאָרם אָנצוטאָן דעם אקטיאָר: אין א פוס־גייערישער, רײַטערישער, אָדער פליִערישער. אָבער וואָס קען זײַן פון בערעלען פאר א פליִער? און פרווו אים נאָר אָנטאָן אין א פליִערישער פאָרם, וועט זיך נאָך אן אעראָ־פלאן אויך פארוועלן. ווו וועסטו זיך אָנעמען איבעריקע אעראָפלאנען אפן פראָנט? אָנ־טאָן אים פאר א רײַטער? דארף מען דאָך האָבן א פערד. און וואָס פאר א רײַטער איז בערעלע? האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אף דער פוסגייערישער פאָרם. ווײַל אף גיין צופוס איז בערעלע געווען זייער פּייִק. זײַנע גאנצע יונגע יאָרן איז ער אָפּגעגאנגען צופוס. און קעדיי אָפּצומערקן בערעלעס אלע פארדינסטן פארן פאָלק, האָט מען אים באשטימט אָנצוטאָן פאר א גענעראל: געבן אים שטיוול, א שחערד, אן אולאנישן מונדיר, הויזן מיט גאָלדענע לאמפאסן. אזא מונדירל האָט זיך אײַנגעהיט אין די רעזערווו פון פאָלק—פון די פוילישע געפאנגענע, וועלכע מע האָט גענומען אפן פראָנט נעבן בארנאָוויטש. און האגאם דער אולאנישער מונדיר איז געווען א רײַטער־פאָרם, נאָר כעוורע האָט זיך אָבער לאנג ניט געאמפערט—ווײַל ס'קען א רײַטער־פאָרם אָנטאָן אויך א פוסגייער, באַ־זונדערס ווען די פאָרם איז א פײַנכלעכע.

און מע איז צוגעטראָטן צו דער ארבעט.

אָבער דאָ האָבן זיך ארויסגעוויזן אייניקע שוועריקייַטן. אויב בערעלע האָט אופגענומען גלייַכגילטיק די באשטימונג וועגן זייַן אמוניציע, איז אָבער ווען מע האָט עס געדארפט פראקטיש דורכפירן אין לעבן, האָט ער זיך געשטעלט קעגן. און דאָ האָבן אלע דערזען, אז בערעלע, וועלכער האָט געהאט א געוויסע פלינקייַט צו דער אכילע, האָט גאָרנישט ניט פארשטאנען אין בנאָדים און איז נאָך גאנץ שארף ארויסגעטראָטן קעגן דעם.

פון אָנהייב איז אלץ געגאנגען שכל און בעשאָלעם. בערעלע האָט זיך זייער אייַנגעשפארט, געסאָפעט, געקרעכצט, געגלאָצט מיט די אויגן און האָט זיך אפילע געסטארעט לייַגן אפן פלייצע, ווען עטלעכע רויטארמייער האָבן זיך גענומען ברענגען אים אין א קריגערישן אויסזען — אָננעטאָן אים דעם מונדיר און די הויזן. ער האָט זיך אפילע געכאפט בייַסן, ווען מע האָט אים געוואָלט אָנטאָן די שטיוול. נאָר אז מע האָט אים דערלאנגט איבערן קארק, האָט זיך דער אקטיאָר בארויִקט און זיך געלאָזט צובינדן דעם שווערד און אָנטאָן דאָס היטל. בערעלע האָט בעעמעס באקומען א גענעראלישן אויסזען — דער מונדיר האָט געבלישטשעט, די לאמפאסן האָבן געגלאנצט, און דער צעקאעסטער בערעלע האָט אזוי רוגזעדיק און שטרענג געקוקט אין אלע זייַטן, אז די רויטארמייער, וואָס זייַנען געשטאנען דערנעבן, האָבן צוגעשטעלט די האנט צום ברילִיק.

— מיר ווינטשן געזונט, אייַער עקסעלענץ!

בערעלען האָט זיך אויסגעחיזג, אז מע לאכט פון אים. ער האָט אזוי קאעסדיק א קוק געטאָן, אז דער בערדיקער, וואָס איז געשטאנען דערנעבן, האָט ווי א בליץ א שפרונג געטאָן אין די קוסטעס. אויך זשוק האָט באשטימט בעסער אָפגיינ עטוואָס ווייַטער פונעם גענעראל. און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן א פאָרשטעלונג, וואָס די רויטארמייער האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען. בערעלע האָט א שמעק געטאָן די לאמפאסן, אייַנגעגעסן זיך אין זיי מיט די ציינ און האָט זיי אינ איינ רעגע אראָפגעריסן, ווי מע רייַסט אראָפ ווייכע קאָרע פונ א בוים. די בייַוועונדע האָבן מאמעש א קרעכץ געטאָן פון דעם, וויאזוי בערעלע האָט זיך אומדערווארט איזדעקעוועט איבער דעם גענעראלס גאליפע. אייניקע האָבן זיך עפעס צעלאכט, אונטערהעצנדיק נאָך בערעלען:

— אוי בערעלע, אזוי! נידער מיט דער גענעראלישער פאָרם...

אָבער בערעלע האָט גאָרנישט געהערט און, ניט לאנג טראכטנדיק, זיך געשטעלט אפן קאָפּ און האָט אזוי שטארק גענומען בריקען זיך מיט די הינטערשטע פיס אינדערלופטן, אז די שטיוול האָבן איינער נאָכן צווייטן מיט א סווישטשערייַ גענומען פליִען אין אלע זייַטן. איינער האָט אָנגעטראָפן אין א בוים, דער צווייטער — אינ בלאָטע. ס'איז

צוגעגאנגענע די ריי אויך צו די הויזן. אין א רעגע ארום איז שוין איין קאלאָשע געפלויגן אין איין זײַט, די צווייטע—אינעם צווייטן זײַט.

דאָ האָבן זיך שוין אייניקע צעקאַעסט, באזונדערס דער קאפטענארמוס, וועלכער האָט זייער געזשאלעוועט די הויזן, ווײַל זיי זײַנען אים זייער און זייער געפעלן געווען. ער האָט אזש אופגעהויבן א געשריי:

— וואָס טוסטו, אויסוווּרף, האָסט געפּאטערט אזא אָנצוג!

און בערעלע האָט זיך דערווײַל אופגעהויבן, געשטעלט זיך אפ די הינטערשטע פיס, אָפּגעטרייסלט די אָנעטשעס, אראָפּגעוואָרפן דעם שווערד, א קלאפּ טאָנדיק מיט אים איבער א בוים, און איז א :אליידיקטער אָפּגעגאנגען אָנאוײַט פון דער רויטארמייִשער מאסע. אפ אים איז נאָר פארבליבן דער מונדיר, א מונדיר אָן הויזן. צום מונדיר האָט בערעלע, ווײַזט אויס, גאָרנישט געהאט. מעגלעך דערפאר, וואָס דער מונדיר האָט אים ניט געשטערט באזונדערס אין גאנג. און ווײַל די יאטן האָבן זיך נאָכדעם ניט געסטארעט אָנצוטאָן בערעלען די הויזן—האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. וואָס האָט ער נאָר ניט אָפּגעטאָן מיט די הויזן. געטונקט זיי אין בלאָטע, באהאלטן זיי אונטער א קאָרטש, און ווען די יאטן האָבן זיך געסטארעט שוין דעם פערטן מאָל אָנצוטאָן דעם אקטיאָר, האָט ער זיי ווידעראמאָל פײַערלעך אראָפּגעוואָרפן, צערײַסנדיק זיי אפ צוויי העלפט. נאָר דאָס מאָל האָט ער זיי שוין ניט באהאלטן ווי פריִער הינטער א קאָרטש אָדער פארטרונקען אין בלאָטע. מיט א שטרענגן אויסזען, האלטנדיק די הויזן אין די ציין, איז בערעלע ארופגעקראָכן אפ דער סאמע העכסטער יאָדלע, און, אײַנמאָשטשענדיק זיך אפ דער סאמע העכסטער צווײַג, האָט ער איינמאָל זיך פאר אלעמאָל אָפּגערעכנט מיט דעם בעגעד, וואָס איז אים אזוי דערעסן. ער האָט אפ שטיקלעך צעריסן די הויזן און האָט זיי מיט א פארביטערטקײַט אראָפּגעוואָרפן אפ אראָפּ. נאָכדעם איז ער אראָפּגעקראָכן און שווײַגנדיק צוגעטראָטן אויסצופילן זײַנע אָרדנטלעכע ארטיסטישע פליכטן.

— הם... בערעלע איז מיט א כאראקטער!—האָבן מיט אכטונג אָפּגערופן זיך וועגן אים די רויטארמייער און זײַנען צו אים מער ניט צוגעשטאנען מיט דער אמוניציע. אזוי איז בערעלע ארומגעגאנגען אין א מונדיר אָן הויזן, אָן שטיוול און אָן א היטל. עמעס, אויך דער מונדיר איז גאָר אינגיכן געוואָרן ענלעך אפ וואָס איר ווילט, נאָר ניט אפ א מונדיר, ווײַל פון אָפטן ארומקלעטערן איבער דיביימער זײַנען פון מונדיר פארבליבן נאָר א פּאָר לאַטן. בערעלען איז עס אָבער געפעלן געווען, ווײַל אין זײַן נאטור איז געלעגן פּאָשעטקײַט און באשיידנקײַט.

אזוי האָבן זיך פארענדיקט אלע פרוּוון אָנצוטאָן בערעלען.

דער אויסערגעוויינלעכער קוילנוואַרפלער

דער פּאָלק איז געגאַנגענ אַלצ ווײַטער און ווײַטער. עס זײַנענ געווענ טעג, ווענ מע פלעגט דורכגיינ מער ווי צו פופציק ווערסט. די פּאָליאַקנ האָבנ אָפּגעטראָטנ. אָפטמאָל פלעגנ זיכ פאַנאַנדערוויקלענ אַקשאָנעסדיקע שלאַכטנ, און דעמאָלט פלעגט בערעלעס אָבאָז אָפּרוענ. דאָרט פלעגט מענ איבערלאָזנ בערעלענ מיט זײַנע אַרטיסטנ. בערעלע פלעגט זיכ ארומדרייענ מיט זײַנע כאַווײרים אָנ אַרבעט. ער איז געווענ א פאַרדײַגעכער—ניט גע-ווענ הײמענ פרײלעכ צו מאַכנ. וואָס פאַר א פרײלעכקײַט קענ שוינ זײַנ מיט די קאַפּטע-נאַרמוסנ און מיט די אָבאָזניקעס. דעריבער איז בערעלע ארומגעגאַנגענ א פאַרלאָרענער, געטשעפּעט זיכ צו דעם בערדיקנ און אָנ קיינ שום סיבע האָט ער געוואָלט באַלײַדיקנ זשוקנ, געטשאַרעט זיכ ארופצוטרעטנ אים מיט דער לאַפּע אפנ עק, קעדיי כאָטש מיט וואָס ניט איז אויסצודריקנ זײַנ אומצופרידנקײַט. די רויטאַרמייער האָבנ דערזענ, אַז בערעלע איז אינ א שלעכטער שטימונג, האָבנ זיי אָנגענומענ אַלע מיטלענ פרײלעכ צו מאַכנ דעמ אַרטיסט.

— וואָס וועט ער זיכ דאָ ארומדרייענ אינ אָבאָז? ער איז א קריגער, נישקאָשע, מע דאַרפ אימ נאָר אויסלערנענ שיסנ...—און מע האָט אימ גענומענ לערנענ.

עמעס, עס האָט זיכ נאָכ דערווײַלע ניט געקלעפּט, ווײַל, אויב בערעלע פלעגט נאָכ מיט דערפאָלג און אָפטמאָל מיט היספּײַלעס אויספילנ עטלעכע נומערנ מיט דער ביקס:

בענומען אפ קאראול, געשטעלט צום פוס, אָנגעטאָן אפן רימען, גענומען אפ גריטקײַט,— איז, װען ס'איז דערגאנגען צו שיסן, האָט בערעלע שטארק גענומען פּראָטעסטירן. ניט נאָר װאָס ער האָט אלײן ניט געװאָלט שיסן,—װעגן דעם האָט קײן רייד ניט געקענט זײַן, ער האָט אפילע דעם קלאפ פון דעם שאָס ניט געקענט לײַדן. און װען מע האָט געבן אים אויסגעשאָסן פון א ביקס, האָט זיך בערעלע געלאָזט לויפן אפ אלע פיר און האָט זיך באהאלטן אין א פּסויג שטרוי, װאָס איז געשטאנען באם װעג. עס האָבן נאָר ארויסגעסטארטשעט פונעם שטרוי זײַנע הינטערשטע פיס און זײַן קורצינקער עקל האָט בעציטערט פון שרעק. מיט מאטערניש האָט מען בערעלען ארויסגעשלעפט פונעם פּסויג פאר די פיס.

— אײַ ביסטו א העלד! שעם זיך, בערעלע, דו דארפסט זיך שעמען פאר דעם בערדיקן!

און דער באָק האָט טאקע בעעמעס זיך אזוי צוגעװוינט צו דער שיסערײַ, אז ער האָט קײן שום אכט ניט געלײגט אפ גאָרנישט און האָט נאָר געקײַט א ביסל שמעקעדיקע הײ, װאָס ער האָט אראָפּגעגאנװעט פון א פרעמדן װאָגן. דער דרימלענדיקער זשוק האָט, דערהערנדיק דעם שאָס, זיך געפּוילט אפילע צו עפענען די אויגן. ער האָט נאָר עפּעס א ריר געטאָן מיט די אויערן, אָפּטרײַבנדיק מיט זײ די אײַנגעגעסענע פליגן. אפ בערעלען אָבער האָט דער שאָס שטארק געװירקט, ער האָט אלץ ניט געקענט קומען צו זיך, געקוקט מיט שרעק אפ דער ביקס און, בעסאָד זאָל עס בלײַבן, ער איז קראנק געװאָרן מיטן בויך און דער דאָקטער האָט אים א ביסל צײַט געפּאָיעט מיט דאָס אָפּגעװײַטע פון שװארצע יאגעדעס. אזוי האָבן זיך אָנגעהויבן פאר בערעלען די לימודים פון שיסן.

מע דארף אָבער זאָגן, אז גאָר אינגיכן האָט זיך בערעלע אומגעביטן און איז געװאָרן אזא געװאגטער קריגער, אז דער בערדיקער און זשוק האָבן זיך פּאַשעט געװונדערט. מעגלעך, אז ער איז געװאָרן באװוסטזיניקער, און עפּשער האָט ער זיך ניט געװאָלט שלעפּן אין עק באם בערדיקן. אין מעשעך פון דרײַ—פיר טעג, װאָס מע האָט אים געלערנט, האָט בערעלע רויִק אופגענומען ניט נאָר דאָס שיסן פון א ביקס, נאָר אויך, ניט זשמורענדיק קײן אויג, האָט ער געקענט שטײן און ליגן נעבן קוילנװארפער און רויִק זיך צוהערן צו דער הײסער שיסערײַ. ער האָט זיך אפילע אויסגעלערנט צופּראָגן קוילן. די קוילנװארפלער שיסן, און בערעלע לויפט אום צום װאָגן און טראָגט אונטער קעסטלעך מיט קוילנװארפער־סטענגעס. ער טוט עס אזוי: נעמט אָן א גאנצן פּאַק אונטערן פּאכװע און טראָגט עס, קוליענדיק זיך פון אײן פוס אפ דער צװײטער, קרעכצנדיק און סאָפּענדיק.

אינ א ביסל צייַט ארומ איז בערעלע אוועק אפנ פראָנט אינ דער קוילנווארפער־
קאָמאנדע אונ האָט גענומענ אנ אקטיווונ אָנטייל אינ אלע שלאכטנ אפ דער פאָדערשטער
ליניע. אָפט האָבנ זיכ די פּאָליאקנ געווונדערט, דערזעענדיק דעמ אויסערגעוויינלעכנ
קריגער—דעמ קוילנווארפלער. זיי האָבנ געוווּסט, אז הינטערנ בערגל שטייט א קוילנוואר־
פער פונ די רויטע, אָבער אראָפּשיסנ אימ האָבנ זיי בעשומויפנ ניט געקענט. אָפטמאָל
האָט געטראָפנ, אז דער קוילנווארפער פלעגט אנשוויגנ ווערנ, פלעגט זיכ ניט אָפּרופנ
מיט קיינ איינ שאָס. אָבער ווי נאָר די פּאָליאקנ פלעגנ זיכ וועלנ לאָזנ אינ אטאקע,
קעדיי צו פארכאפנ דאָס בערגל, אזוי פלעגנ זיי גלייַכ דערזענ: איבערנ טאָל, פאזע דעמ
בערגל, לויפט דורכ גיכ־גיכ א מאָדנער קריגער—א שווערפיסיקער, דאכט זיכ, א האַרי־
קער, א שווערלייַביקער. פונ בערגל לויפט ער אפ אלע פיר, אונ אפ צוריק אפ צוויי
פיס איינגעבויגנ צו דער ערד. אונ אונטער די אָרעמס גאנצע פעק מיט קוילנ. אונ ווי
נאָר ער לויפט דורכ דעמ טאָל, איז דעמאָלט גיי בעסער ניט אינ אטאקע. דער רויטער
קוילנווארפער פארבלייבט זיכ אונ שטעפט מיט דעמ בלייַענעמ פאָדעמ אפ טויט. פרוביר
זיכ צוריקנ צומ פאָדעמ! בערעלע פלעגט גיכ לויפנ נאָכ די קוילנווארפער־סטענגעס צומ
צווייראָדעדיקנ וואָגנ, אפ וועלכנ עס זייַנענ געלעגנ די קוילנ. דער וואָגנ איז געשטא־
נענ הינטערנ טאָל באהאלטנ אינ די קוסטעס. איז ווי נאָר ער פלעגט ברענגענ א נייַעמ
רעזערוו, פלעגט דער קוילנווארפער אָנהייבנ שיסנ אזוי, אז די פּאָליאקנ פלעגנ זיכ מוזנ
גלייַכ שיידנ מיטנ געדאנק צו גיינ אינ אטאקע. לאנג האָבנ זיי זיכ געסטארעט געפינענ
די פאסיקע מינוט, קעדיי צו דערשיסנ בערעלענ אינ טאָל. ס'האָט אָבער גאַרניש גע־
האָלפנ. דער קריגער, וואָס האָט זיכ, דאכט זיכ, אויסגעוויזנ א שווערפיסיקער, איז אזוי
פלינק געלאָפנ, אזוי קונציק צונויפגעגאָסנ זייַנ פארב מיט דעמ גרויענ פארב פונ
דער ערד, אז ניט נאָר שיסנ, נאָר אפילע נאָכשפּירנ אימ איז געווענ זייער
שווער.

אזוי איז בערעלע געוואָרנ אנ עמעסער קריגער אפנ פראָנט. אונ אינגיכנ איז ער
אויכ געוואָרנ א העלד. די גאנצע דיוויזיע האָט וועגנ אימ גענומענ ריידנ. די געשעע־
נישנ זייַנענ פאָרגעקומענ שפּעט באנאכט, באמ אָנגריפ, איבערגייענדיק א טיפנ אונ
ברייטנ טייַכ. בערעלע איז מיט די קוילנווארפלער איבערגעשווומענ אפ א פליט צומ
אנדער ברעג. נעבנ אימ איז געווענ א קוילנווארפער, עס זייַנענ געווענ קוילנ. בערעלע
איז געזעסנ אפנ פליט אונ האָט זיכ צוגעהערט צו דער באנאכטיקער שטילקייַט, צוגע־
הערט זיכ צומ פּליעסק פונ די וועסלעס, צו די שטימענ, וואָס האָבנ זיכ קוימ דערטראָגנ
איבערנ טייַכ—דערנעבנ זייַנענ געשווומענ נאָכ פליטנ. דאָרט זייַנענ אויכ געווענ רויט־
ארמייער. אנ אָפּטע ביקסנ־שיסערייַ פלעגט דורכרייַסנ די שטילקייַט. דאָס האָבנ געשאָסנ

פונעם צווייטן ברעג די ווײַספּאָליאַקן, זיי האָבן געשאָסן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, ניט זעענדיק און ניט וויסנדיק, אַז עס קלײַבט זיך צו זיי אַן אומפאַרמײַדלעכער אומגליק. בערעלע האָט זיך צוגעהערט צו יעדן שאָס. דערמאָנט זיך אָן דער מאַמען, אָן זײַן היימלעכער בערן־נאָרע, אָן די זוניקע מאַלינעס, אָן דעם בערדיקן, וועלכער איז געבליבן אין אָבאָז. ער האָט זיך דערמאָנט און האָט זיך א ביסל פאַרבענקט. אָבער דערהערנדיק זשוקס בילערײַ,—יענער האָט דאָ ערגעץ גאָר נאָענט אָנטיילגענומען אינעם איבערשווימען,—איז ער פריילעכער געוואָרן. בערעלע איז מוטיקער געוואָרן, געהאָלפן די רודערער, פּאַטשנדיק איבערן וואַסער מיט זײַנע ברייטער לאַפּע, ווי מיט א וועסלע.

זיי זײַנען שוין געווען ניט ווײַט פון ברעג. און דאָ האָבן אומגעריכט באַמערקט זיי די פּאָליאַקן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א שרעקלעכע שיסערײַ. אַרום האָבן זיך צעפּײַפט קוילן, צעשפּריצנדיק גאַנצע פאָנטאַנען און צעשנײַדנדיק שוימיקע שטעגעלעך אפן וואַסער, ווען זיי פלעגן טרעפן אין טײַך. אָט האָט בערעלע באַמערקט: עס שיפּען אונטער אים די שווימערס, וואָס זײַנען דורכגעשאָסן געוואָרן מיט קוילן. די שווימערס האָבן געשיפּעט. ווײַל פון זיי איז אַרויס די לופט, און דער פּליט האָט זיך גענומען אַלץ בייגן מער און מער אין וואַסער. בערעלעס לאַפּעס זײַנען שוין אין וואַסער—אין קאַלטן, טיפן, שטראָמיקן וואַסער. נאָך א ווײַלע און עס קערט זיך איבער דער פּליט, ס'וועט פּליִען אפן זאַמדיקן גרונט דער קוילנוואַרפער, ס'וועלן זיך אין וואַסער פאַרכלינען די קוילנוואַרפלער. און ניט לאַנג געטראַכט האָט זיך בערעלע אַרײַנגעוואָרפן אין וואַסער, א גרונטעווע געטאָן מיטן קאָפּ, אַרויסגעשווומען, און אָנגעכאַפּט זיך מיט די ציין פאַר די שטריקלעך, מיט וועלכע עס זײַנען געווען צוגעבונדן די דורכגעשאָסענע שווימערלעך. און ער איז אַוועקגעשווומען, שלעפּנדיק נאָך זיך דעם גאַנצן פּליט. ס'איז אים געווען שווער צו שווימען איבערן טײַך. דאָס וואַסער וואַרפט פון די פיס, שטויסט אַוועק אָנאויס, אָבער בערעלע שטרענגט זיך אָן מיט אַלע קויכעס און שווימט, קלאַפּנדיק ברייט מיט זײַנע פיר לאַפּעס. די קוילנוואַרפלער העלפן אים, מוטיקן אים: „שלעפּ... בערעלע, שלעפּ... שלעפּ, לאָז ניט אָפּ!״ בערעלע סטאַרעט זיך, ביז ער דערפילט א פעסטע ערד אונטער די פיס. אפ א ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, אָפּרוען. פון פּליט זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען די קוילנוואַרפלער, אונטערגעכאַפּט דעם קוילנוואַרפער מיט די קוילן אפ די הענט און זײַנען אַוועק איבער די קני אין וואַסער צום ברעג, העלפן דעם פאַרמאַטערטן בערעלען אַרויסצוקריכן אפ דער טריקעניש. אין א ווײַלע אַרום, אײַנמאָשטשענדיק זיך אונטער א נידעריקן סטויג היי, האָט דער קוילנוואַרפער א זעץ געטאָן מיט א בלישטשענדיקער פײַערדיקער סטענגע און האָט זיך שטרענג צע־

דונערט, וואַרפנדיק אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַ ברענענדיקן בלײַענעם שטורעם. דער פײַער פון די פּאָליאַקן איז געוואָרן צעקלאַפּט, פאַרניכטעט. און אין דער צײַט, וואָס עס האָט געדונערט דער קוילנוואַרפער, האָבן זיך איבערן טײַך איבערגעקליבן נאָך עטלעכע הונדערט רויטאַרמייער, עס זײַנען פאַרשטאַרקט געוואָרן די רייען פון די רויטע, און דער ברעג איז איבערגעגאַנגען אין אונדזערע הענט.

אַזוי האָט בערעלע מיטגעהאָלפן אונדזער זיג, אַרויסראַטעוועדיק צודערצײַט דעם קוילנוואַרפער און די קוילנוואַרפלער. פון פיל פּאָלקן זײַנען געקומען רויטאַרמייער און האָבן זיך געוווּנדערט, קוקנדיק אויף דעם זעלטענעם אַרטיסט — דעם קוילנוואַרפלער. זיי האָבן אים באַגריסט מיט דעם זיג און מיטן רום. דעם רום האָט מיט בערעלען געטיילט בעשוספּעס אויך זײַן עמעסער כאַווער זשוק, וועלכער האָט זיך דאָ געפונען מיט אים צוזאַמען אויף דעם אויסגעקעמפטן ברעג. אָבער זיי ביידע האָבן ניט פאַריסן די נעזער פון דעם רום, וואָס האָט זיי באַוווּסט געמאַכט. זיי האָבן שטילערהייט געטאָן זייער זאַך — אַן אַרטיסטישע און אַ קריגערישע — ס׳האָט זיך געווענדט אָן די אומשטענדן. אויב אַ שלאַכט — פלעגט בערעלע טראָגן קוילן, זשוק פלעגט גיין מיט די אַ. שפּירער. אויב ס׳איז געווען רויק — פלעגן זיי ביידע פאָרשטעלן פאַר די רויטאַרמייער די „אַלהעלסלעכע שלאַנג" און אַלערליי אַנדערע „פאָרשטעלונגען" זייערע. אין צײַט פון אָפּרו פלעגן זיי שטיל בענקען נאָך זייער כאַווער דעם בערדיקן, וועלכער האָט ניט געקענט שווימען און האָט אַלץ געוואַרט אויפן אַנדער ברעג, ווען מע וועט אויפּקשטעלן איבערן טײַך אַ ברעטערדיקן בריק, ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט איבערפּעקלען זיך צו זײַנע כאַווירים. ער איז אַפּטמאָל געשטאַנען אויפן בערגל און, צעלאָזנדיק אויפן ווינט זײַן באָרד, פלעגט ער טרויעריק אַרויסשרײַען זײַן אייניציק ליד:

— בע־ע־ע־ע...

ווען בערעלע פלעגט עס דערהערן, פלעגט ער אַ ווונק טאָן צו זשוקן. און יענער פלעגט זיך פאַרכלינען מיט אַזאַ פרייִלעכער און הילכיקער בילעריי: „האַוו... האַוו... האַוו..." דאָס האָט געזאָלט הייסן: „דײַגע ניט, ליבער, מיר וועלן זיך איינגיכן באַגעגענען!" און טאַקע בעעמעס, אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער בערדיקער איבערגעגאַנגען דעם בריק און איז געקומען צו זײַנע כאַווירים. סאַראַ פרייד ס׳איז בײַ אים דעמאָלט געווען: ער איז אַרומגעשפּרונגען, געוואָרפן זיך מיט די הערנערלעך, געפּרובירט אַפילע שטעלן זיך אויפן קאָפּ. ס׳האָט זיך אָבער בײַ אים בעשום־אופן ניט באַקומען. פון גרויס פרייד האָט ער באַק פּאַטשעט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ הויפן היי און האָט עס ציגעטראָגן די כאַווירים אַלס מאַטאָנע. יענע האָבן זיך, עמעס, זייער איידל אָפּגעזאָגט פון דער האַרציקער מאַטאָנע, נאָר דאָך האָבן זיי געפונען פאַר

נייטיק_יעדערער באזונדער א לעק צו נאָגן דעם באַקס באָרד, אלס צייכן פון גרויסער כאווערשאפט. זיי האָבן א לעק געטאָן און גענומען ניסן. ווײַזט אויס, אז זייער ליבער כאַווער האָט נאָך אלץ ניט אוועקגעוואָרפן זײַנע שלעכטע געוווינהײַטן, ניט אופגעהערט צו נאַשן דעם טאבעק. דעריבער האָט פון זײַן באָרד שטענדיק געשלאָגן אזא שווערער רייעך, אז זשוק פלעגט פארײַסן די נאָז ווי ווײַט מעגלעך העכער, קעדיי פאַסטער צו ווערן פונעם שלעכטן גערוך. נאָר וואָס האָט מען געקענט מאכן מיט דעם טאבעק־פרע־סער. ער איז דאָך פאָרט א כאווער. דעריבער פלעגן זיי איבּ שטענדיק מויכל זײַן אָט די טאבעק־ווינד.

וויאַזוי מע האָט צוגעגאַנוועט בערעלען
און וואָס איז פון דעם אַרויסגעקומען

בערעלעס נאָמען איז מיט יעדן טאָג אלץ מער און מער באַרימט געוואָרן. און בערעלעס קוילנווארפלער פלעגן אָפט באמערקן פארדעכטיקע האנדלונגען פון אייניקע דעלעגאציעס, וועלכע פלעגן קומען, קלוימערשט, וווּנדערן זיך פון דעם באַרימטן אר־טיסט. עפעס צופיל פלעגן זיי אים מעכאבעד זיין מיט צוקער, פלעגן אים ברענגען ספעציעלע פאַרציעס גוטע פלייש, פלעגן אים פויען מיט מילך. ס'איז געוואָרן קאָנטיק, אז זיי ווילן אים אונטערקויפן, כדי אַז וואָסער ניט איז אויפן צונעמען אים פונעם דריטן באטאליאָן. בערעלע האָט זיך באַצויגן גלײַכגילטיק צו די אלע הויכע געפילן, וועלכע מע פלעגט אַרויסווייזן צו זיין געשעצטער פּערזאָן. אים פּערזענלעך האָבן ניט געריירט די איבעריקע באַגייסטערונגען, וואָס פלעגן אַרויסגערופן ווערן דורך זיינע העלדנ־טאטן, און די קאָמפלימענטן וועגן זיינע ארטיסטישע פייִקייטן. עמעס, אַלץ, מיט וואָס מע פלעגט אים מעכאבעד זיין, פלעגט ער מיט כיישעק און פינקטלעך אופעסן, ניט פאַר־טיילנדיק אויך זיינע איבערגעבענע כאַווײרים—דעם בערדיקן און זשוקן. אין אָט די קיבודים איז געלעגן א געפאר. אז דעם האָט זיך בערעלע געקענט אויסגליטשן און באגיין עפשער אָפּטמאָל א שלעכטן טאט, ווייל ער האָט פאַרט געהאט א שוואכן כאראק־טער צו די זיסע זאכן.

און אָט, איינמאָל באנאכט, פונקט פאַרן טאָמע אָנגריף, איז בערעלע ניט געוואָרן.

געווענ א בערעלע—און פלוצלינג—אויס בערעלע! און, דאכט זיך, ניט קיינ קליינינקער, ניט קיינ נאָדל, אָבער געפינענ אים האָט מענ בעשומ־אופנ ניט געקענט. מע האָט ארומ־געזוכט אלע ביַיחעגיקע קוסטעס און גריבער, איבערגעקערט מיט די פיס ארופ דעם גאנצנ אָבאָז—עפשער האָט ער זיך באהאלטנ אינ א וואָגנ—אָבער קיינע שפורנ האָט מענ ניט געקענט געפינענ. מע האָט זיך נאָכגעפרעגט באַם בערדיקנ און בא זשוקנ, אָבער מע האָט פונ זיי קיינ סאָך ניט געקענט דערגיינ. זיי זיַינענ ביידע אומגעגאנגענ, ווי פארסאמטע פליגנ, און האָבנ אויך געבענקט נאָכ בערעלענ. דער בערדיקער האָט אפילע אויפגעהערט צו מאָגענ בא די רויטארמייער טאכאָרקע, וויַיל אינ קאָפּ האָבנ זיך בא אים געטראָגנ ניט קיינ פריילעכע געדאנקענ וועגנ דעם כאווער, וואָס ס'איז ניט באוווּסט, ווי ער איז אומגעקומענ. ס'איז אדורכ א טאָג, נאָכ אים א צווייטער טאָג, א גאנצע וואָכ איז אדורכגעלאָפנ אומבאמערקט, און בערעלע איז אלץ ניטאָ און ניטאָ, מע זעט ניט און מע הערט ניט פונעם באטאליאָנעס ארטיסט. די רויטארמייער פונעם ערשטנ און צווייטנ באטאליאָנ האָבנ אָנגעהויבנ כויזעק מאכנ פונעם דריטנ באטאליאָנ: „אהא! ניט געקענט איַינהיטנ דעם ליבלינג, ער האָט אײַכ פיַינט געקראָגנ און איז פונ אײַכ אנט־לאָפנ. איצט וועלנ מיר צו אײַכ ניט צולאָזנ ניט זשוקנ און ניט די פריילעכע באָרד. איר זיַיט שלעכטע באלעבאטים!"

נו, וויאזוי האָט מענ געקענט אריבערטראָגנ אזא באליידיקונג?

— צי דענ האָט ער פאראכטנ דעם באטאליאָנ? צי דענ איז ער אנטלאָפנ צו אנ־דערע? און עפשער האָט א צי געטאָנ די כיַיע צוריק אינ וואלד אריַינ, צי די היימישע ביימער און קוסטעס?

וואָס האָבנ שוינ ניט איבערגעטראכט די רויטארמייער, נאָר זיי האָבנ זיך צו גאָר־נישט ניט געקענט דערטראכטנ. און די טעג זיַינענ געווענ ברענענדיקע: מארשנ, יעדנ טאָג שלאכטנ, און נאָר אינגיכנ, אינ די זאָרגנ ביַים מארשנ האָבנ זיי ביסלעכוויַיז פאר־געסנ אפ בערעלענ. און נאָר אומגעריכט און צופעליק איז פאָרגעקומענ די וואָרעמע באגעגעניש מיט זייער ארטיסט. דער פּאָלק האָט זיך אָפּגעשטעלט אפ נאכטלעגער אינ וואלד. מע האָט פאנאנדערגעלייגט פיַיער, דערוואָרעמט זיך, אָפּגעגעסנ וועטשערע און געלייגט זיך שלאָפנ. און פארטאָג האָבנ די פאטרולנ נאָענט פונעם דריטנ באטאליאָנ זיך אָנגעשטויסנ אפ אנ אינטערעסאנטנ בילד. אפ א קליינער וואלד־לאָנקעלע זיַינענ געזעסנ: בערעלע, דער בערדיקער און זשוק און האָבנ געפּראוועט א פיַיערלעכע וועטשערע אָדער א גאָר פיַינעמ באל. קאָלערליי עסנוואַרג איז דאָ געווענ אָנגעוואָרפנ הינטער א קוסט. דאָ זיַינענ געווענ: טרוקענע טאראנעס, קאָנסערווו, א פּאָלקע כאווער־פלייש, א פּאָר צענד־ליק הערינג. אָנדערזיַיט זיַינענ געלעגנ שלעכטע פעקלעכ מאכאָרקע. בערעלע, וועלכער

4. זיצט דרייסט קעמפער יערקע...

האָט געוויס אָנגעפירט מיט דעם אַלעמען, איז געזעסן אַף א קורצן פניאָקל און האָט פלײַסיק געקלאַפּט מיט א קעסטל קאָנסערוון איבער א שטיין. דאָס קעסטל האָט זיך צעבויגן און האָט זיך בעשטומפּן ניט געוואָלט עפענען, און בערעלע האָט פון מאָל צו מאָל אַלץ שטאַרקער געקלאַפּט מיט איר איבערן שטיין. ענדלעך האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו צעברעכן דאָס קעסטל און ער האָט מעכאַבעד געווען זיך אַליין, מעכאַבעד געווען זײַנע פרײַנט זשוקן. דער בערדיקער, וועלכער האָט עס ניט גאָר ליב געהאַט, האָט זיך בעסער גענומען צו די הערינג און צו די צוקער. נאָר פאַרזוכנדיק אן עק פון א הערינג, האָט ער זיך געלאָזט לויפן אַף אַלע פיר צום טײַכל, קעדיי אײַנצושטילן דעם דאָרשט אין מויל פון די געזאַלצענע הערינג. ענדלעך האָבן זיך די כאַווײרים אָנגעגעסן און קרעכצנדיק זיך גענומען אײַנלייגן אַף אָפּרו. נאָך אַזאַ זאַטן עסן האָט דער בערדיקער גענאַשט א ביסל מאַכאָרקע און האָט עס לאַנג געקײַט, זיסלעך פאַרשמורענדיק די לינקע אויג און וואַרפנדיק בליקן מיט דער רעכטער אַף זײַנע כאַווײרים.

דאָ האָט מען זיי געפּאַקט. די רויטאַרמייער האָבן פון אָנהייב ניט געוווּסט וואָס צו טאָן: צי פרייען זיך, צי קריגן זיך מיט בערעלען. דאָס עסנוואַרג, וואָס מע האָט דאָ געפונען, האָט אײדעס געזאָגט וועגן א בוילעטער גנייווע און דער שולדיקער פון דעם אַלעמען איז געוויס געווען ניט קיין אַנדערער, ווי בערעלע. די קאַפּטענאַרמוסן, דערזעענדיק בערעלעס עסנוואַרג־רעזערוו, האָבן זיך פון שרעק געלאָזט לויפן צו זייערע וועגענער, אָבער דאָרט איז אַלץ געווען אין אָרדענונג, אַלץ אַף אן אָרט, אָן קיין שום גנייווע. אָבער פון הימל איז עס דאָך געוויס בערעלען ניט אַראָפּגעפאַלן.

און ערשט שפּעטער, אינדערפרי, האָט זיך עס אַלץ אַרויסגעוויזן. פונעם שכײנעסדיקן פּאָלק, וועלכער האָט גענעכטיקט ניט ווײַט פון בערעלעס באַטאַליאָן, זײַנען געקומען צו לויפן צעשראָקענע קאַפּטענאַרמוסן.

— שלעכט, ברידערלעך! אײַער בערעלע איז א גאַזלען! ער האָט א גאַנצן זאַק מיט עסנוואַרג צוגעגנאַוועט, אינמיטן דער נאַכט באַגאַזלט...

— אָבער וויאַזוי האָט בערעלע געטראָפן צו אײַך דעם וועג? — האָבן דאָ גלײַך אַפּן אָרט די רויטאַרמייער פון דריטן באַטאַליאָן געמאַכט א שטרענגע פאָרשונג בא די אָנגעקומענע קאַפּטענאַרמוסן. און די קאַפּטענאַרמוסן, קעדיי אויסלייזן די זאַכן, וואָס בערעלע האָט צוגעגנאַוועט, האָבן געמוזט דערציילן דעם ריינעם עמעס וועגן דעם, וויאַזוי זיי האָבן אַנומלט פאַרטראַכט צוגאַנווענען בערעלען און וויאַזוי זיי האָט זיך אײַנגעגעבן פאַרנאַרן אים אין זייער פּאָלק.

— מיט וואָס האָבן מיר אים נאָר ניט געפּרוּווט צוציען צו זיך... מיט פלייש — נאָר בערעלע האָט קיין כיישעק ניט געהאַט גיין מיט אונדז... מיט מילך — אויך ניט...

און נאָר ווען זיי האָבן געקראָגן א האלבן קעסעלע האָניק, האָט זיך בערעלע אף דעם געקוואַפּעט און איז אינדערפינצטער אוועקגעגאנגען נאָך זיי. ער איז אזוי געגאַנגען ביזן סאַמע פּאָלק, און דאָרט האָט מען זיך א וואָרף געטאָן אף בערעלען און אים צוגעבונדן מיט א שטריק צום וואָגן. אזוי האָט בערעלע געוואנדערט, א צוגעבונדענער צום וואָגן, אין אן אנדער פּאָלק פון גאָר אן אנדער דיוויזיע. מע האָט אים ערשט אָפּגעבונדן אין וועג שוין אין א פּאָר טעג ארום, און ער האָט שוין אינגאנצן פארלאָרן די האָפענונג אומקערן זיך אינעם היימלעכן באטאליאָן. אָבער פאר דער צײַט פונעם מארש האָבן זיך די פּאָלקן ווידער דערנענטערט, און ווי ס'איז צו זען, האָבן זיי אפילע גענעכטיקט נאָענט איינער פון דעם צווייטן אין דעם זעלבן וואלד. דאָ האָט בערעלע באנאכט דערהערט די שטימען פון זײַנע כאַווירים — פון זשוקן און דעם בערדיקן און, גייענדיק אין דער ריכטונג צו די שטימען, האָט ער געטראָפן פונקט צו זײַן אייגענעם באטאליאָן. און דערמאָנענדיק זיך דאָ וועגן אייניקע שפּײַז־רעזערוון, וועלכע ער האָט צוליב זײַן אומבאוווסטזיניקייט געהאלטן פאר זײַנע אייגענע, האָט ער עס געוואָלט איבערשלעפּן צו זיך אין באטאליאָן און האָט טאקע שטילערהייט אייניקע זאכן איבערגעפעקלט צו זיך.

אזוי איז עס פאָרגעקומען מיט בערעלעס אנטלויפן און מיט זײַנע גנייוועס.

די רויטארמייער האָבן געמוסערט און כויזעק געמאכט פון די פרעמדע קאפטענארמוסן.

— דאָס איז אײַך אן אָנלערנונג וויאזוי ארויספצוגאנווענען פרעמדע ארטיסטן, אונדזער בערעלע האָט זיך דערווײַל אויסגעלערנט שלעכטע געוווינהײַטן...

סאָפּקאָלסאָם זײַנען זיי גוטפרײַנט געוואָרן. זיי האָבן גענומען פון די קאפטענארמוסן א געוויסע קאָנטריבוציע־שפּײַז, אף אויסצוהאלטן די ארטיסטן און, ניט אופהערנדיק אָפּצולאכן פון זיי, האָבן זיי אומגעקערט די שפּײַז, וואָס בערעלע האָט אָנגעראבירט.

אזוי האָט זיך בערעלע אומגעקערט אין זײַן אייגענעם באטאליאָן צו זײַנע איבערגעגעבענע כאַווירים און פרײַנד.

יאָג זיכ ניט, בערעלע, נאָכ דעמ האָנ—
וועסט זיכ אָנלעבנ צאָרעס

די רויטאַרמייער זײַנענ געווענ גערעכט, ווענ זיי האָבנ געמוסטערט די קאַפּטענאַר־מוסנ פונ יענעמ פאָלק אינ ניט גאָר קיינ גוטער באַציִונג צו בערעלענ אונ וואָס זיי האָבנ אימ אַזוי שלעכט דערצויגנ. בערעלעס אַנטלויפנ האָט געהאַט ניט גאָר קיינ גוטע רעזול־טאַטנ אפ זײַנ כאַראַקטער אונ זײַנע געוווינהײַטנ. אונ מיר וועלנ דאָ דערציילנ, וויאַזוי אונדזער פײַקער אַרטיסט איז צוליב זײַנ גוואַלדיקער אומבאַוווּסטזיניקײַט שיִר ניט אומ־געקומענ, ווענ ער האָט געוואָלט ווערנ אַ שווינדלער, אונ וואָס איז נאָכ ערגער—ער האָט נאָכ צוגערעדט צו שלעכטע טאַטנ זײַנ לײַכטזיניקנ כאַווער—דעמ בערדיקנ. זשוק, זעט איר, איז ניט געווענ פאַרינטערעסירט אינ בערעלעס געשעפטנ, ער האָט ניט אויס־געקליבנ דעמ ווענ פונ גזיילע אונ איז געבליבנ אָנאַזײַט פונ די אַלע געשעענישנ.

אונ די געשעענישנ האָבנ זיכ צעוויקלט אָט וויאַזוי.

די באַטאַליאָנענ האָבנ באַקומענ אַנ אויפגאַבע אַרויסצושטויסנ די פּאָליאַקנ פונ איינ דאָרפ. ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ דער אָנגריפ. עטלעכע ראָטעס האָט זיכ גיכ אײַנגעגעבנ פאַרנעמענ דעמ אַרומ פונ דעמ דאָרפ—די גערטנער אונ דערבײַיִקע שײַערס. אינ דער צײַט האָט מיט בערעלענ געטראָפנ אַזאַ מינ געשעעניש. קומענדיק אפ די גערטנער, האָט ער זיכ אָנגעשטויסנ אפ אַ האָנ אונ, מיינענדיק, ווײַזט אויס, אַז דאָס איז אַ וואַלד־

פויגל, האָט ער זיך פלינק געלאָזט לויפן נאָך אים איבער די גערטנער, ברעכנדיק די פלויטן. אין דער ערנסטער ארבעט האָט אים אקטיוו מיטגעהאָלפן דער בערדיקער, האָ־באַם ער האָט זיך בעסער פון בערעלען פאַנאַנדערגעקליבן אין העגער און האָט אין זיי ניט געהאַט קיין וואָסער ניט איז באַזונדער גרויסן אינטערעס. וואָס טויג פאַר א באָק א האָן? וואָס פאַר א טאַם קען ער צו אים האָבן? אָבער ווי די מייסע זאָל ניט זיין, האָט דער בערדיקער בעטעמעס געוואָלט העלפן זיין כאַווער אָנכאַפּן דעם נאַראַוויסטן פויגל און איז מיט כישעק געפלויגן און געשפרונגען, נאָכיאָגנדיק זיך נאָך דעם האָן און וועלנדיק פאַרלויפן אים דעם וועג אַפריער, ער זאָל ניט האָבן קיין שום מעגלעכקייט אַפּצוטרעטן. זיי האָבן אופגעהויבן אזא טאַראַראַם, אזא קלאַפּעריי און טופּעניש, אז די פּאָליאַקן האָט זיך אויסגעוויזן, פונקט ווי א גאַנצע דיוויזיע קאַוואַלעריע וואָלט פאַרפאָרן אין זייער טיל, און זיי האָבן זיך צוגעאיילט וואָס גיכער אָפּצוטרעטן און איבערלאָזן דעם דאָרף. אָט די פּאַסירונג האָט ארויסגעראַטעוועט בערעלען נאָכדעם, ווען מע האָט געדאַרפט פאַנאַנדערקלייבן זיין שולד און ארויסטראָגן די שטראָף פאַר זיין און דעם בערדיקנס פאַרברעכן. בערעלע האָט אַלציינס ניט געכאַפּט דעם האָן. יענער האָט פלינק א שפּרונג געטאָן סאַמע איבער בערעלעס נאָז און, אויפקוועצנדיק זיך אף א הויכן באַרנבוים, האָט ער זיך צעזונגען מיט אזא הילכיקן און אומבאַזיגבאַרן „קו־קאַ־רע־ע־קו־רו!”, אז בערעלען איז אויסגעקומען נאָר צו באַלעקן זיך און שעמעוודיק גלאָצן מיט די אויגן. דער בערדיקער האָט אויך שעמעוודיק עפּעס א בעקע געטאָן, און ס'איז שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס ער מיינט מיט דעם.

אף דעם וואָלט זיך געענדיקט בערעלעס פאַרברעכן, ווען, יאָגנדיק זיך נאָכן האָן, וואָלט ער ניט צוגעקומען צו די בינשטאָקן. אין דאָ האָט בערעלע אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם פאַרשטאַנד. ער האָט זיך פאַרגעסן אז אלע זיינע פליכטן און ניט לאַנג געטראַכט האָט ער זיך א נעם געטאָן צו די בינשטאָקן. דער בערדיקער האָט זיך אויך געוואָלט פאַרנעמען מיט די בינשטאָקן, האָבן אים אָבער באַלד ארומגערינגלט די בינען, געדיכט אוועקגעזעצט זיך אף זיין קאָלטענעוואַטער באָרד, און ער האָט זיך געלאָזט לויפן אָן אַן אָטעם—בליצשנעל צום באַטאַליאָן, אַנטרעקנדיק אף טויט דעם שטילן זשוקן.

בערעלע האָט זיך געסטאַרעט בא די בינשטאָקן. ער האָט אָנגעשטרענגט די קויכעס אופצורייסן די קליינע טירלעך פון די בינשטאָק־קלעצער, קעדיי צו האָבן די מעגלעכקייט דורכצושטופּן די לאַפּע צום האָניק. אָבער די טירלעך זיינען געווען שטאַרק צוגעקלאַפּט, און בערעלעס אָנשטרענגונגען האָבן אַלציינס געבראַכט צו ניט קיין געלונגענעם סאָף. ער האָט זיך געבייזערט, געקלאַפּט מיט די לאַפּעס איבערן בינשטאָק, געהריזעט מיט די ציינער די טירלעך—אָבער ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. די בינען האָבן אקשאַ־

נעסדיק פאַרטיידיקט זייער ווינונג—געביסן בערעלען אין די נאָזלעכער, די אויגן, דעם צונג, געקראַכן אין דער קודלאַטער פעל. אָבער דער רייעך פון האָניק האָט בערעלען ניט געלאָזט רוען, און ער האָט אפילע ניט געטראַכט אָפּצוטרעטן, חוץ ער וועט ניט פאַרזוכן די זיסקייט. אָבער אַז ער האָט דערזען, אַז זײַן גאַנצע אָנשטרענגונג ברענגט צו באַרנישט, איז אים דערנסטמאָל אופגעקומען אין קאָפּ א געניאַלער געדאַנק. ער האָט טאַקע גלײַך א כאַפּ געטאָן אין זײַנע לאַפּעס א בינשטאָק און האָט זיך מיט אים געלאָזט לויפן אהין, ווו עס איז געשטאַנען דער דריטער באַטאַליאָן. פאַרשטייט זיך, אַז זשוק און דער בערדיקער זײַנען גלײַך אַנטרונען געוואָרן—באַהאַלטן זיך פון די בינען אין די קוסטעס. און בערעלע אליין האָט זיך אויך סאָפּקאָלסאָפּ אונטערגעגעבן. אַן ארומגעוועצטער מיט בינען, האָט ער זיך געלאָזט לויפן צום טײַכל און ערשט דאָרט איז ער פון זיי פּאָטער געוואָרן און איז א ביסל געקומען צו זיך פון זײַנע פאַרברעכערישע מײַסים. דאָ האָבן אים די רויטאַרמייער געפּאַקט, קעדיי צו באַשטראָפן אים פאַר אַלע זײַנע פאַרברעכנס: פאַרן האָן און פאַר די בינען. דעם בינשטאָק האָט מען א ביסל דורכגערויכערט, קעדיי די בינען זאָלן זיך ניט שטאַרק בײַסן, אוועקגעטראָגן אים צוריק אַפן אָרט און בערעלען האָט מען צוגעצויגן צו שטרענגער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צוזאַמען מיט זײַן אקטיוון מיטהעלפער אין די פאַרברעכנס—דעם בערדיקן באָק.

לאַנג־האָבן זיי געמוסערט בערעלען פאַר אַלע זײַנע זינד, וועלכע זײַנען נאָך פאַרשוועכט געוואָרן מיט דעם, וואָס ער האָט אין אַלע פאַרברעכנס אַרײַנגעצויגן אויך דעם יונגן און אומבאַוווּסטזיניקן בערדיקן. און די רויטאַרמייער האָבן באַשטימט: פאַר די אַלע מיִעסע זינד באַפרײַען זיי פון זייערע אַרטיסטישע פליכטן און אַרויסטרײַבן פון פאָלק.

בערעלע איז געזעסן ניט טויט, ניט לעבעדיק און האָט נאָר געסאָפּעט, קראַצנדיק די ערטער, ווו די בינען האָבן אים צעביסן. דער מויל איז בא אים אינגאַנצן פאַרשוואָלן געוואָרן פון דעם, וואָס די בינען האָבן אים צעביסן. עס זײַנען פאַרשוואָלן געוואָרן די אויגן, די נאָז און ביכלאַל איז ער געזעסן, א פאַרלאָרענער און א דערשלאָגענער, אַן אײַנגעריכטער אין שטרויעלעך און אין מיסט וואָס איז אָפּ אים איבערגעבליבן, ווען ער האָט זיך געיאָגט נאָכן האָן. דער בערדיקער האָט פון שרעק ניט געוווּסט ווו צו לייגן זיך און האָט אַלץ נאָר געשאָקלט מיט דער באָרד, אָנשטרענגענדיק זיך צו זאָגן עפּעס אין זײַן פאַרטיידיקונג, אָבער ס׳האָט זיך עפּעס אַלץ בא אים גאָרנישט באַקומען. מע האָט נאָר געקענט הערן א מאָנאָטאָנעם, צעשראָקענעם:

— בע־בע־בע־בע...

זשוק האָט זיך צוגעהערט צום איניען מיט א פילאָזאָפישער רויִקייט: ער האָט שטענדיק געאַכטעט די געזעצן און אָרדענונג.

די רויטארמייער האָבן א קוק געטאָן אף זייערע אקטיאָרן און האָבן אף זיי ראכמאָנעס געהאט. ווי ניט ווי האָבן דאָך בערעלע און די פריילעכע באָרד געמאכט זייערע פעלערן נאָר צוליב זייער אויסערגעוויינלעכער אומבאַווּסטזיניקייט. דאָס איז ערשטנס. און, צווייטנס, זײַנען זייערע זינד קאָמפּענסירט געוואָרן מיט דעם, וואָס, יאָגנדיק זיך נאָך דעם האָן, האָבן זיי שטארק אָנגעשראָקן דעם סוינע—די ווײַספּאָליאקן. און די רויטארמייער האָבן געפונען פאר מעגלעך צו שטראָפן ביידע זינדיקע ביטנײַ און איבערלאָזן זיי אויך אף ווײַטער אין פּאָלק—„זאָלן זיי האָבן א מעגלעכקײַט, הייסט עס, אף ווײַטער צו דערווײַזן זייער פלײַסיקײַט".

דאָ האָט שוין זשוק אויך ניט אויסגעהאלטן. ער האָט זיך א לאָז געטאָן אף אלע פיר צו די שולדיקע, איינעם א לעק געטאָן די געשוואָלענע נאָז, דעם צווייטן—די טאַבעק־באָרד, און באלד זײַנען אלע דרײַען געלאָפן און געשפרונגען פון פרייד. מע האָט זיי באגריסט, געווונטשן אלדאָס גוטס און געוואָרנט:

— זאָלט איר וויסן זײַן, שײַנים, מער זאָלן זיך אזוינע זאכן ניט איבערכאַזערן!

אזוי האָט זיך פארענדיקט דער איניען מיט בערעלעס גרויסע פארברעכנס, וועלכע ער האָט אזוי לײַכטזיניק געטאָן. און טאקע דאָ אפן אָרט זײַנען אונדזערע ארטיסטן צוגעטראָטן צו דער פאָרשטעלונג, צו ווײַזן די „אלוועלטלעכע שלאנג". די „שלאנג", וועלכע בערעלע האָט אליין געוויזן, האָט אין דעם טאָג בעעמעס געהאט אזא אומעטיקן און קאָמישן אויסזען, אז אלע רויטארמייער האָבן געקײַכט פון געלעכטער. און טאקע, וויאזוי האָט מען געקענט ניט לאכן, אז בערעלע אליין איז געווען אזוי ארומגעוויקלט צוליב דעם, וואָס די בינען האָבן אים צעביסן, אזוי ארומגעשמירט מיט יאָד, אז ער איז געוואָרן ענלעך אף א גאָרטן־פּודעלע, וועלכע מע שטעלט צו שרעקן די שפּערלינגען. אן אויסזען האָט ער געהאט ווײַט ניט קיין קריגערישן.

אָבער די זאך איז ניט אינעם אויסזען. די זאך איז אין דער שטימונג. און בערעלע האָט אין דעם טאָג געהאט א גוואלדיקע שטימונג—ער האָט געשפּילט מיט גרויס ליבע און אופריכטיקײַט.

אנדערש האָט ניט געקענט זײַן נאָך אזעלכע רעגנדיקע איבערלעבונגען. בערעלע האָט פארגעדענקט אף שטענדיק דעם האָן און די בינען. א היפּשע צײַט נאָך דעם פלעגט ער ארומגיין פאר א וויאָרסט די ערטער, וווּ עס האָט געשמעקט מיט האָניק צי מיט הענער.

בערעלע ווערט א פליִער און נאָכדעם א קאוואלעריסט

ווי ס'איז אונדז שוין באוווסט, האָט מען געלערנט בערעלען זײַן א ספּעציאַליסט איבער פוסגייערישע איניאָנים. ער האָט גוט געוווסט די מארשירונג, אייניקע נומערן מיט דער ביקס — נעמען אפ קאראול, אפן רימען, אפן אקסל, ער האָט געקענט צוטראָגן קוילן צו די קוילנוואָרפערס. און מער האָט ער גאָרנישט ניט געקענט. נאָר אָט האָט געטראָפן אזוי, אז בערעלע איז שיר ניט געוואָרן א פליִער, און שפּעטער אפילע אף א קורצער צײַט ניט קיין שלעכטער קאוואלעריסט. דאָס אלץ איז פּאָרגעקומען אזוי. איינמאָל אינדערפרי האָבן די רויטארמייער באמערקט איבער די קעפּ א פּוילישן אעראָ־פּלאן. ער איז געפלויגן גאָר נידעריק — אָט — אָט וועט ער, דאכט זיך, אָנרירן מיט א פליגל די שפּיצן פון די ביימער אָדער די שטרויענע דעכער פון דעם דערבײַיִקן דאָרף. ס'איז געווען קאָנטיק, אז דער פליִער זוכט עפּעס אָדער שפּירט עפּעס אויס.

— ווײַזט אויס, איז אויסשפּיר געקומען צו פליִען, — האָבן די רויטארמייער געטראכט און האָבן זיך באהאלטן אין וואלד און אין די גריבער פאזע די וועגן, כדי מע זאָל זיי ניט באמערקן פונעם אעראָפּלאן, ווײַל פון דאָרטן האָבן געקענט אויך פליִען באָמ־בעס, ווי עס פלעגט זיך אָפט טרעפן. אָבער ניט קיין באָמבעס און ניט קיין קוילנוואָר־פער־פײַער האָט זיך פונעם אעראָפּלאן ניט דערטראָגן. מע האָט געפּרווט באשיסן דעם

אעראָפּלאַן, איז ער אפגיך נעלעם געוואָרן ערגעץ הינטערן וועלדל און האָט זיך מער ניט אומגעקערט.

— ניט אנדערש, אז ער איז אוועקגעפלויגן צוריק צו זײַנע — האָבן א טראכט געטאָן די רויטארמייער און האָבן פארגעסן אפן אעראָפּלאַן.

בערעלע אָבער האָט מאָדנע געקענט אָנשמעקן זאכן. ער האָט א פּאָר מאָל א שמעק געטאָן מיט דער נאָז די לופט און האָט זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג פונעם רייעך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון וואלד. איבער וואָסערע צוויי־דרײַ הונדערט טריט איז ער ארויסגעקומען אָפּ א קליין פעלדל, ניט ווײַט פון זײַן באטאליאָן. און דאָס, וואָס ער האָט דאָרטן דערזען, האָט אים געצוווּנגען זיך אָנצושפּיצן און לאנג ארויסקוקן פון די קוסטעס; באהאלטנדיק זיך הינטער זייערע בלעטער. אפ דעם פעלדל איז געשטאנען א מאשין, וועלכע בערעלען איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען פון נאָענט. נעבן דער מאשין האָט זיך באוועגט א מענטש אין א פרעמדער פאָרם, גאָר אן אומבאקאנטע פאר בערעלען. לאנג איז אונדזער ארטיסט געשטאנען אין די קוסטעס, ער האָט זיך סאָפּקאָלסאָפּ ניט אײַנגעהאלטן און האָט געוואגט צוגיין נעענטער, קעדיי צו באקאָנען זיך מיט דער מאשין און מיט דעם אומבאוווּסטן מענטשן. שטילערהייט, באהאלטנדיק זיך הינטער די קוסטעס, איז בערעלע אלץ נעענטער און נעענטער צוגעגאנגען צו דער מאשין, ניט אָפּווענדנדיק דעם בליק פונעם מענטשן, וועלכער האָט זיך געייסעקט מיט בלעכענע קעסטלעך און, ארופקלעטערנדיק אפ א פליגל פון דער מאשין, האָט ער עפּעס איבערגעגאָסן פון אן עמער. קעדיי בעסער קענען ארבע[illegible] באם מאָטאָר, האָט דער מענטש אויסגעטאָן דעם מונדיר און דעם פּאס מיטן רעוואָלוו[illegible] דערוואַרטנדיק זיך אפ א גינסטיקער מינוט, האָט בערעלע צוגעשלעפּט דעם נ[illegible]ר און הינטערן עק פונעם אעראָפּלאַן האָט ער אים אפּ זיך גענומען אָנטאָן. ווי ס'[illegible]ינדז באַוווּסט, איז בערעלע גיט געווען קעגן מונדירן: זיי האָבן אים ניט געשטערט [illegible] גאנג, און אין א רעגן איז אין זיי געווען אסאך באקוועמער. פון דעם אלטן גענעראלישן מונדיר איז פארבליבן בלויז דער קאָלנער און די ארבל. דעריבער האָט בערעלע באשטימט באנײַען זײַן אמוניציע. דעם פּאס מיטן רעוואָלווער האָט ער אוועקגעשלײַדערט אָנאַזײַט, ווײַל ער האָט זיך גוט ניט פאנאנדערגעקליבן אין דער נייטיקייט פון אָט די זאכן. דער מענטש, ווײַזט אויס, איז געווען אזוי שטארק פארטאָן ארום דעם מאָטאָר און האָט זיך אזוי געײַלט, אז ער האָט לאכלוטן ניט באמערקט בערעלעס שפּורן און דאָס, וואָס ער איז דאָ. דער מענטש האָט פאריכט דעם קאליע געוואָרענעם אעראָפּלאַן, וועלכער האָט אים געצוווּנגען אראָפּנידערן אפ אונדזער טעריטאָריע. בערעלע איז אזוי דרייסט געוואָרן, אז ער האָט גוט ארומגעטאַפּט דעם עק פון דעם אעראָפּלאַן, נאָכדעם פלינק ארופגע־

קראָכנ אפנ אעראָפלאנ אונ האָט זיכ באקוועם אײַנגעאָרדנט אינ דער הינטערשטער קאבינע. דאָרט האָט ער געפונענ עטלעכע פעקלעכ ביסקוויטנ אונ האָט באשטימט אונטערצוהאלטנ א ביסל די נעשאָמע. ער האָט זיכ ביכלאל קיינמאָל ניט אָפגעזאָגט, ווענ ס'פלעגט זיכ אים מאכנ עפעס איבערצובײַסנ, נעמענ עפעס אינ מויל, ווי ס'פלעגנ זאָגנ די רויטארמייער. בערעלע האָט נאָר באוויזנ ספראווענ זיכ מיט א פעקל ביסקוויטנ, ווי אפנ פעלד האָט זיכ אופגעהויבנ אזא טומל, אזוינע געשרייענ, אז ער האָט זיכ אוש אײַנגעבויגנ, באהאלטנדיק דעם קאָפ אינ קאבינע.

— שטיי! שטיי! ניט פונ אָרט!

דאָס זײַנענ געלאָפנ די רויטארמייער, באמערקנדיק, ווי עס האָט זיכ אראָפגעלאָזט דער אונטערגעשאָסענער פוילישער אעראָפלאנ. דער מענטש, וואָס האָט זיכ געייסעקט באם מאָטאָר, האָט זיכ אימפעדיק א וואָרפ געטאָנ צום פראָפעלער פונ אעראָפלאנ אונ האָט אים גענומענ אפגיכ פאנאנדערוויגנ. בערעלע האָט ניט באוויזנ אופצוהייבנ דעם קאָפ א קוק צו טאָנ, וואָס האָט פאסירט, ווי מיט דער מאשינ האָט זיכ אָפגעטאָנ אזא ווילדע זאכ, וואָס בערעלע וואָלט קיינמאָל ניט געקומענ אפנ סייכל, אז דאָס קענ פאָרקומענ. די מאשינ האָט גענומענ שרעקלעכ ציטערנ, נאָכדעם זיכ א ווילדנ ריס געטאָנ פונ אָרט אונ זיכ א לאָז געטאָנ איבערנ פעלד ווי א בליצ. ווענ בערעלע, אנ איבערגעשראָקענער ניט אפ צוקלוימערשט, האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפ פונ דער קאבינע, איז ער שיר ניט געפאלנ אינ כאלאָשעס. די מאשינ האָט געיאָגט איבערנ וואלד אזוי, אז עס איז געווענ אפילע שווער צו זענ אונ אונטערשיידנ באזונדערע ביימער—אלצ איז געפלויגנ אנטקעגנ עפעס מאָדנע גרוי־גרינע ווינטנ. בערעלע האָט זיכ נאָכ מער ארויסגערוקט פונ דער קאבינע אונ האָט דערזענ, אז די ערד האָט זיכ אראָפגעלאָזט נאָכ נידעריקער, איבער איר לויפנ אום קלייניניקע מענטשנ—ענלעכ אפ מוראשקעס, אונ ווארפנ אונטער אינדערהויכ די היטלענ. דאָס איז געווענ דאָס פוילישע מיליטער, וואָס האָט באגריסט זייער אעראָפלאנ, וועלכנ מע האָט געקענט דערקענענ לויט די צייכנס אפ די פליגלענ. אונ דער אעראָפלאנ איז געפלויגנ, ס'האָבנ געפײַפט אפנ ווינט די פליגלענ, אונ ס'האָט שטארק געהודיעט דער מאָטאָר. בערעלע האָט ווידעראמאָל א קוק געטאָנ אפ אראָפ אונ ס'איז אים ניט גוט געוואָרנ—ס'איז שווער צו זײַנ א פליער אָנ געוווינשאפט. ס'האָט זיכ אים פארוואָלט וואָס גיכער אפ דער ערד. ס'האָט זיכ אים אזוי שטארק פארוואָלט, אז ער האָט פאָשעט קיינ אָרט ניט געפונענ. ער איז פאָשעט אינקאעס געוואָרנ אונ גענומענ ארויסווארפנ קאָלערליי זאכנ, וועלכע זײַנענ דאָרט געשטאנענ. ערשטנס, האָט ער זיכ גענומענ פאר די ליידיקע בלעכנ פונ בענזינ אונ זיי ארויסגעשלײַדערט אראָפ. די פאָליאקנ האָט זיכ געדאכט, אז דאָס פליענ באָמבעס. זיי האָבנ געמיינט, אז



דאָס פליט א רויטער אעראָפּלאַן, האָבן זיי געגומען אזוי שטארק שיסן פון הארמאטן און ביקסן, אז דער פליִער האָט זיך פּאָשעט צעטומלט און האָט א קערעווע געטאָן דעם אעראָפּלאַן צוריק צו דער רויטער טעריטאָריע. דער פליִער האָט געקערעוועט מיט דער מאשין און א צעשראָקענער זיך ארומגעקוקט אין אלע זײַטן, ניט פארשטייענדיק, פארוואָס אָפּ אים, אָפּ א פּוילישן אעראָפּלאַן, שיסן אזוי די פּאָליאַקן.

ער האָט א קוק געטאָן אָפּ הינטער, צו דער הינטערשטער קאבינע. א קוק געטאָן— און די אויגן זײַנען אים ארויסגעקראָכן אָפּן שטערן: פּאָשעט אָפּ אים האָט געקוקט ניט קיין אנדערער, ווי נאָר אַן עמעסער בער, און צו דעם אלעמען, נאָך אין א מונדיר פון א פליִער. א שלעכטער כאָלעם, א שרעקלעכער כאָלעם!—האָט דער פליִער א טראכט געטאָן און האָט זיך א פּאָר מאָל ביז בלוט א קניפּ געטאָן—עפּשער וועט ער אופוואכן פון שלאָף. ס'האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן. דער „כאָלעם" האָט געדויערט. דער בער איז געזעסן אין דער קאבינע ווי געווען און האָט זיך נאָך געסטארעט א שטעל טאָן זיך אָפּ די הינטערשטע פיס. דער פליִער איז בלאס געוואָרן און האָט געוואָלט אנטלויפן פון דער קאבינע, וואָס ווײַטער פון אזא גאסט. ער האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט. אָבער בערעלע האָט זיך אויך אופגעשטעלט אין קאבינע און האָט אזא קוועטש געטאָן מיט דער פאָדערשטער לאפּע דעם פליִערס אקסל, אז יענער האָט שוין מער ניט געוואגט זיך א ריר צו טאָן פון אָרט. דער אעראָפּלאַן איז ווידער געפלויגן סאמע איבערן וואלד, און דער צעשראָקענער פליִער האָט שוין געזוכט אַן אָרט, וווּ בעסער אראָפּצונידערן מיט דער מאשין, נאָר ער האָט ניט באוויזן אויסצוקלײַבן אַן אָרט, ווי פלוצלינג האָט זיך אלץ צעמישט אין א בונטער קופּע, און אונדזערע ביידע פליִער—דער עמעסער פליִער און דער פליִער, געבעך, צוליב צאָרעס—בערעלע—האָבן פארלאָרן דעם באַוווסטזײַן. זיי זײַנען דורכגעפלויגן עטלעכע קלאפטער אינדערלופטן, אראָפּגעהאקט א גאנצן בארג צווײַגן פון די ביימער און, עטלעכע מאָל איבערקוליענדיק זיך אָפּן ברעג פונעם פעלד, זײַנען זיי געבליבן ליגן, ניט ווײַט איינער פונעם צווייטן, קוים באוועגנדיק מיט די הענט און מיט די פיס. דער איבערגעקערטער אעראָפּלאַן איז געבליבן הענגען אָפּ די הויכע יונגע ביימלעך פון געדיכטן וואלד. מע האָט זיך „אראָפּגעלאָזט" אָפּ דעם זעלבן פעלד, פון וועלכן מע האָט זיך אופגעהויבן.

ס'זײַנען אָנגעלאָפן די רויטארמייער. זיי האָבן אויסגעגאָסן אָפּ די פליִער א פּאָר עמער וואסער, געבראכט א דאָקטער. ער האָט זיי געגעבן נאשאטיר, ארײַנגעגאָסן אין מויל צו קעלעשעקלעך ספּירט. די פליִער זײַנען געקומען צו זיך, האָבן גענומען לעבעדיקער באוועגן זיך. דער ערשטער האָט זיך אופגעכאפּט בערעלע. ער האָט זיך א שטעל געטאָן אָפּ די פאָדערשטע לאפּעס און מיט אַן אויסגעסאלאָפּעטער אויג—די צווייטע איז

בא אים געווען צעשלאָגן און געשוואָלן—האָט ער געקוקט אפ אלעמען און האָט אלץ ניט פארשטאנען, וואָס דאָ האָט פאסירט. און ארום אים האָבן געלאכט און געוויצלט זיך די רויטארמייער. זיי האָבן באגריסט בערעלען.

— ביסט א העלד, בערעלע! און מיר האָבן שוין געמיינט, אז דו ביסט א פארעטער. דאָס דארף מען דאָך קענען, גאָר ווערן א פוילישער פליִער... א מונדיר אפילע אָנגעטאָן, פארטראכט צו אנטלויפן אין פוילן... ערשט מיר גיבן א קוק, בערעלע פליט צוריק און שלעפט נאָך א גאנצן עראָפּלאן!.. ביסט א בראווער, בערעלע, וואָס דו האָסט אים געצווּנגען פליִען צוריק...

און נאָר דענסטמאָל, ווען בערעלע האָט באמערקט זשוקן און דעם בערדיקן, וועלכע זייַנען געקומען ווונדערן זיך אפ דער געשעעניש, איז ער ערשט געקומען צו זיך און, קושנדיק זיך מיט זייַנע כאווירים, האָט ער אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס האָבן באטייַט זייַנע געדאנקען צו די כאווירים, צום בערדיקן:

— ווען דו, פריילעכע באָרד, גיסט אזא פלי ווי איך, וואָלסטו שוין ניט געוווסט, אפ וואָסער וועלט דו ביסט. דייַן באָרד וואָלט שוין געבליבן הענגען ערגעץ אפ א צווייַג...

באלד איז געקומען צו זיך אויך דער פליִער. בא אים איז געווען אויסגעלונקען א פוס און ער האָט ווייטעקדיק געקרעכצט, ווען דער דאָקטער האָט זיך געייסעקט ארום אים. אָבער נאָכדעם איז אים לייַכטער געוואָרן און ער האָט זיך אליין געוווּנדערט, וויאזוי האָט עס געקענט פאסירן, אז זייַנע אייגענע זאָלן שיסן אפ אים. און נאָכמער האָט ער זיך געוווּנדערט, קוקנדיק אפ בערעלען אינעם מונדיר, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין זייַן לעצטן שרעקלעכן איבערפלי. דעם פליִער האָט מען גענומען אין געפענקעניש, דעם עראָפּלאן האָט מען אראָפּגעשלעפט פון די ביימער, פאריכט אים, איבערגעפארבט און אָפּגעשיקט אין אונדזער עסקאדריליע.

אזוי האָט בערעלע אָנגעהויבן און פארענדיקט זייַן קאריערע פון א פליִער, וועלכע איז געווען באגרענעצט, ווי מיר זעען, מיט איין פלי, וואָס האָט זיך געענדיקט פאר אים מיט ניט גאָר קיין פריילעכע רעזולטאטן—ער האָט אונטערגעקלאפּט אן אויג, צעשעדיקט א ביסל די לאפּעס און האָט ווו־ניט—ווו צעקלאפּט די ביינער. מיט איין וואָרט, גיין מיט די פיס איז געווען זייער שווער פאר בערעלען נאָך דער אווריע. דעריבער האָט מען באשלאָסן, ביזואנען בערעלע וועט זיך ניט פאריכטן, מאכן אים פאר א קאוואלעריסט, אפ וויפל עס איז ניט געווען קיין ליידיקער וואָגן, אפ וועלכן מע זאָל אים קענען פירן. מעגלעכקייַטן פארן קאוואלערישן איניען זייַנען געווען אין געשטאלט פון דעם גרויסן אלטן מויל־אייזל, וועלכן ס'איז ניט געווען באקוועם איינצושפאנען אין

װאָגן, און רײַטנדיק פֿאַר: אױף אים האָט קײן אײן רױטאַרמײער קײן בײַשעק ניט געהאַט, װײַל ער האָט זיך אױפֿגעפֿירט ניט גוט, אַזױ װי עס פּאַסט זיך אױפֿצופֿירן אײנעם פֿונעם דאָר פֿון אַ פּאָשעטן אײזל. דער מױל־אײזל איז געװען אײַנגאַנצן אַ פֿרײַער, אַרומגעגאַנגען אָן קײנע שום פֿליכטן און האָט אומזיסט געפּאַטערט שפּײַז. דעריבער איז אַז אים אױסגעפֿאַלן דער גורל אַרומצופֿירן אױף זיך בערעלען, ביזװאַנען דער ניט געראָטענער פֿליִער װעט זיך אײַנגאַנצן ניט אױסהײלן. די רױטאַרמײער האָבן צוגעבונדן צום מױל־אײזל עטלעכע פֿאַרבונדענע זעקלעך מיט הײ, און עס האָט זיך באַקומען ניט קײן זאָטל, נאָר אַ גאַנצער בערישער װױלטעק. בערעלע האָט געקענט זיצן, געקענט ליגן, געקענט אַפֿילע אױף דעם זאָטל שטעלן זיך אױף די הינטערשטע פֿיס. מיט אײן װאָרט, ער האָט זיך געקענט אײַנאָרדענען אַזױ, װי ס'איז געװען נײטיק זײַן גענעראַלישן װילן.

און בערעלע איז מעיוכעסדיק געזעסן אױפֿן הױכן מױל־אײזל און האָט פֿײַערלעך געקוקט אױף אַראָפּ, װוּ ס'זײַנען נאָכגעגאַנגען זשוק און די פֿרײלעכע באָרד. מיט דעם מױל־אײזל איז געװען אַסאַך צאָרעס. ער איז געװען מאָרנע אײַנגעשפּאַרט און נאַרעװיסטע. פֿלעגט ער זיך אַמאָל אײַנשפּאַרן — איז ניט פֿון אָרט. און װיפֿל זשוק פֿלעגט זיך ניט אָנשטרענגען, — אים האָט מען געהײסן פֿירן דעם מױל־אײזל נאָך זיך אױף אַ שטריקל, — װיפֿל ס'פֿלעגט ניט אַרומשפּרינגען דער בערדיקער, אונטערטרײַבנדיק די קאַװאַלעריע — האָט זיך אָבער דער מױל־אײזל ניט געװאָלט רירן פֿון אָרט. דעמלט האָט דער פֿלינקער זשוק אומגעביטן די טאַקטיק. ער פֿלעגט אָפּלאָזן דאָס שטריקל, מיט װעלכן ער פֿלעגט שלעפּן נאָך זיך די קאַװאַלעריע, און אָפּלױפֿן אױף צוריק, קעדײ אָנצוכאַפּן דעם מױל־אײזל פֿאַרן עק און אָפּשלעפּן אים אױף הינטער. דער אײַנגעשפּאַרטער מױל־אײזל פֿלעגט זיך, פֿאַרשטײט זיך, ניט אונטערגעבן זשוקס אָנשטרענגונגען אָפּצושלעפּן אים אױף הינטער און פֿלעגט בעסער לאָזן זיך גײן דרײסט פֿאָרױס. אױף דעם האָט טאַקע געװאַרט זשוק און אונדזער גאַנצע קאַפּעליע — װי די רױטאַרמײער האָבן אַ נאָמען געגעבן בערעלען, זשוקן און די פֿרײלעכע באָרד. די קאַפּעליע האָט געשפּרײַזט איבערן װעג און פֿלעגט זיך אָפּשטעלן נאָר דאַן, װען מע פֿלעגט דאַרפֿן װײַזן די „אַלװעלטלעכע שלאַנג" אָדער אַ װאָסער ניט איז אַנדער „פֿאָרשטעלונג". דאָ טאַקע אױפֿן זאָטל, װי אױף אַ גוטער ברײטער בינע, פֿלעגט בערעלע װײַזן די „שלאַנג". אָבער דאָ פֿלעגן זיך אָפֿט טרעפֿן בײַ בערעלען גרױסע מיספֿאַרשטײעניש מיטן מױל־אײזל. װי נאָר בערעלע פֿלעגט זיך אַװעקלײגן אױפֿן פּלײצע און נעמען װאַרפֿן מיט די פֿיס, װײַזנדיק דעם טױט פֿון דער „אַלװעלטלעכער שלאַנג", פֿלעגט זיך דער מױל־אײזל צערעװען מיט אַזאַ קאָל, אַז ס'האָט געמוזט נעמען אַ סאָף צו אַלע פֿאָרשטעלונגען. װאָס פֿאַר אַ גװאַלדיקער מײַסטער ער איז געװען צו שרײַען, און װאָס פֿאַר אַן אײמעדיקע שטים ער האָט געהאַט, קען מען זיך

פאָרשטעלנ כאָטשבי פונ דעם, וואָס אפילע דער בערדיקער, וועלכער איז געווענ בעטע־חע א באשיידענער באָק אונ האָט ניט געהאט קיינ באזונדערנ מוזיקאלנ געהער, פלעגט אויכ אנטלויפנ ערגעצ ווו אינ די קוסטעס, קעדיי וואָס ווײַטער צו באהאלטנ זיכ פונעם מויל־אייזלס שטימ־פראקטיקירונגענ. בערעלע האָט, ווי אנ ארטיסט, ניט געקענט לײַדנ דעם מויל־אייזלס באציִונג. ער פלעגט אופהערנ צו באווײַזנ די „שלאנג" אונ פלעגט אָנ־הייבנ לערנענ גוטע מאנירנ דעם דאָזיקנ מויל־אייזל. אָבער ניט אזוי לײַכט איז אים גע־ווענ צוגעוווינענ צו גוטע מאנירנ. דער מויל־אייזל האָט נאָר געדארפט כאפנ א פּאָר מאָל פונ בערעלענ איבערנ קארק, ווי ער פלעגט פּאָשעט מעשוגע ווערנ אונ פלעגט נע־מענ ווײַזנ אזוינע נומערנ, אז בערעלע פלעגט זיכ דערפילנ פונקט ווי אפ אנ אעראָפּלאנ: דער מויל־אייזל האָט זיכ געבריקעט, געשטעלט זיכ אפ די פאָדערשטע פיס, וועלנדיק אראָפּוואַרפנ דעם ארטיסט פונ דער ערד, אָדער ער פלעגט זיכ נאָר לאָזנ לויפנ אינ אזא מעשוגענעם גאלאָפּ, אז בא בערעלענ פלעגט פארכאפּנ דער אָטעם.

פארשטייט זיכ, אז אינ אזוינע מינוטנ פלעגט די קאפעליע האָבנ א גוואלדיק טרא־גישנ אויסזענ. דער מויל־אייזל פלעגט שפּרינגענ ווי א מעשוגענער, סטארענדיק זיכ אופהייבנ וואָס העכער די הינטערשטע פיס. בערעלע פלעגט זיכ אײַנשטעפּענ מיט ביידע לאפּעס פארנ זאָטל אונ, אראָפּגליטשנדיק זיכ צוזאמענ מיט אים אראָפּ, פלעגט ער זיכ אזוי איימעדיק צערעווענ, אז ער פלעגט אָנוואַרפנ א שרעק אונ א פּאניק אפ דעם שפּרינגער. פאזע דער „קאוואלעריע" איז געטלויגנ זשוק, סטארענדיק זיכ אָנכאפּנ די „קאוואלעריע" פארנ שטריקל, קעדיי אָפּצושטעלנ זי. פארשטייט זיכ, אז ער איז אויכ ניט אָפּגעשטאנענ פונעם אלגעמיינעם קאָנצערט, אָנטיילנעמענדיק אינ אים מיט זײַנ באזאָנדער בילערײַ. הינטער דער קאפעליע איז נאָכגעלאָפנ מיט אנ ארויסגעשטעקטער צונג דער בערדיקער אונ האָט געשריִענ אפ זײַנ גאנצער ציטערנדיקער אונ כליפּענדיקער שטימ:

— בע־בע־בע־בע־בע...

— די ארטיסטנ האָבנ ווידער אוועקגעיאָגט מיטנ קוריערסקנ! — האָבנ די רויטארמייער געשפּאסט פונ זייער קאפעליע. בערעלעס קאוואלערישע קונצנ האָבנ זיכ געענדיקט גאנצ טראגיש פאר דעם שפּרינגער. ווענ זשוק האָט דעם צעקאעסדיקנ מויל־אייזל גע־פירט אינ דער בלאָטיקער קאנאווע אָנטרינקענ זיכ, האָט ער בעשומויפנ ניט געוואָלט אומקערנ זיכ צוריק אונ האָט זיכ אלצ געסטארעט גייענ ווײַטער דורכ דער בלאָטע. ער האָט זיכ אזוי לאנג אײַנגעשפּארט, ביז וואנענ ער איז אײַנגעזונקענ געוואָרנ מיט אלע פיר פיס.

בערעלענ איז אויסגעקומענ זיכ צעשיידנ מיטנ מויל־אייזל. ס'איז נאָכ גוט געווענ, וואָס צו דער צײַט האָבנ זיכ שוינ פארהיילט די לאפּעס אונ ער האָט שוינ געקענט גייענ צופוס, ווי ער איז געגאנגענ ביז אהער.

בערעלע איז א העלד

אזוי האָט געלעבט און מילכאָמע געהאלטן בערעלע—געווען אן ארטיסט, און אז ס׳פלעגט אויסקומען, פלעגט ער ווערן א קריגער. זײַן לעבן איז געווען פול מיט קאָמיזם, ווײַל ער אליין איז געווען זייער א פריילעכער. ער האָט ליב געהאט זיך נאָכגעבן און יענעם פריילעך מאכן, און דעריבער האָט מען אים ליב געהאט אזוי, ווי מע האָט בעמעס ליב א פריילעכן אין אזעלכע שווערע אומשטענדן, ווי א מילכאָמע און ווי לאנגדויערנדיקע מארשן.

אין בערעלעס לעבן זײַנען אויך געווען געגנוג העלדנטאטן. אָבער ער אליין האָט קיינמאָל ניט געטראכט וועגן דעם, וויאזוי מע ווערט א העלד, אָדער ספּעציעל ארויסווײַזן עפּעס א העלדישן טאט. דאָס העלדישע פלעגט קומען אליין פון זיך, פלעגט קומען אומבאמערקט, אומדערוואַרט, ווי עס פּאסירט שטענדיק מיט יעדן העלדנטאט.

אונדז איז נאָר געבליבן צו דערציילן וועגן בערעלעס לעצטן טאט, ווען ער איז געווארן דער עמעסער און פולשטענדיקער העלד.

די מילכאָמע האָט שוין געהאלטן באם ענדע. מענטשן האָבן גענומען שמועסן וועגן דעם נאָענטן שאָלעם, אָבער די שלאכטן פלעגן זיך ניט אײַנשטילן און פלעגן זיך אָנהייבן אָפטמאָל מיט א גרעסערער אקשאָנעס, ווי פון אָנהייב מילכאָמע. ס׳איז שוין געווען גאנץ טיף אין הארבסט. בערעלעס באטאליאָן איז געשטאנען אין טיל, אָפּגערוס פון די שלאכטן, הא‏גאם אויך דאָרט איז ער געווען גרייט יעדער ווײַלע באגעגענען דעם סוינע. דער ערשטער און צווייטער באטאליאָנען זײַנען געווען אפן דער פאָדערשטער ליניע פון פראָנט. די רויטארמייער פון דריטן באטאליאָן האָבן געגעכטיקט אין א געדיכטן וואלד. זיי פלעגן זיך אויסבאהאלטן פונעם הארבסטיקן רעגן אונטער די הויכע

אָדלעס, אונטער די קוסטעס. אין אײניקע ערטער האָט מען אונטער די בײמער צע־לײגט פֿײַערן, געוואַרעמט זיך, געטריקנט די נאַסע העמדלעך, די נאַסע שינעלן. ס'איז ניט באַקוועם אין וואַלד שפּעט אין האַרבסט. ס'איז ניט באַקוועם און ס'איז קאַלט. בערעלע האָט זיך אויך געוואַרעמט באַם פֿײַער, ער האָט אפֿילו אָפּגעסמאַליעט אַ לאַפּע, סטאַרענדיק זיך צורוקן צום פֿײַער אַ סמאָלע־קאָרטש. בערעלע האָט זיך אָנגעוואַרעמט און איז אײַנשלאָפֿן געוואָרן נעבן פֿײַער. ווען ער האָט אויפֿגעוואַכט, האָט שוין עטוואָס געגומען טאָגן. די רויטאַרמײער האָבן נאָך געשלאָפֿן, נאָר חוו־ניט־ווו זײַנען געשטאַנען צווישן די בײמער די קאַראַולנע. דער רעגן האָט ניט אויפֿגעהערט. ער האָט זיך געזײַט, ווי דורך אַ זיפּ, און זיך פֿאַרשפּרײט מיט אַ ווילגאָטש־טונקלקײַט איבער די בײמער, אײַ־בערן נידעריקן האַרבסטיקן הימל אין ביז די סאַמע בײנער דורכגענומען אַף דורך און דורך בערעלען, וועלכער איז אין שלאָף פֿאַרגליווערט געוואָרן. קעדיי אָנצוּוואַרעמען זיך און קענען באַוועגן ווי עס באַדאַרף צו זײַן מיט די פֿאַרגליווערטע פֿיס, האָט בערעלע אַרופֿגעקלעטערט אַף אַ הויכן בוים. אַזוי פֿלעגט ער טאָן יעדן פֿרימאָרגן, און דאָס איז געווען זײַן גימנאַסטיק, זײַן פֿיזקולטור־איבונג.

לאַנג האָט בערעלע געקלעטערט אַפֿן בוים. ס'האָבן זיך געגליטשט די פֿיס אַף דער קאָרע, וואָס איז נאַס געוואָרן פֿון רעגן, און בײַ בערעלען איז אויך ניט גע־ווען קײן באַזונדער פֿלינקײַט אין אַזעלכע כמורנע, גרויע טעג. מיט מאַטערניש האָט ער זיך אַרופֿגעקראַבקעט אַפֿן סאַמע שפּיץ בוים, פֿונוואַנען ער האָט גוט געקענט אַכטונג געבן אַפֿן גאַנצן וואַלד, אַף די וועגן פֿון וואַלד, אַף דעם ווײַטן פֿעלד, וואָס האָט זיך קוים־קוים געטונקלט דורכן נעפּל פֿונעם רעגן. בערעלע האָט זיך געזעצט אַף אַ סוק און האָט זיך גענומען אַרומקוקן דעם אַרום. און דאָ האָט ער באַמערקט עפּעס זײער אינטערעסאַנטעס פֿאַר זיך, וואָס ער האָט עס באַטאָג ניט געזען און ניט באַמערקט. גאָר נאָענט פֿון זײַן באַטאַליאָן האָבן זיך צווישן די בײמער באַ־וויזן אומבאַקאַנטע רײַטער, גאַנצע גרופּעס רײַטער. זײ האָבן זיך אַלץ דערנעענ־טערט צום באַטאַליאָן און זײַנען פֿאָרזיכטיק געגאַנגען. דורכלויפֿנדיק גרופּעסווײַז צווישן די בײמער, פֿלעגן זײ זיך וואַכזאַם צוקוקן פֿאָרויס.

— פֿונוואַנען נעמען זײ זיך? באַ אונדז אין פּאָלק איז דאָך קימאַט ניטאָ קײן פֿערד, וואָס זאָל עס באַטײַטן? — און ווי נאָר בערעלע האָט וועגן דעם אַ טראַכט געטאָן, האָבן זיך גלײַך דערהערט אײנער נאָך דעם אַנדערן עטלעכע מיזבע שאָסן, נאָכדעם האָבן זײ זיך גענומען הערן אָפטער, און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ שיסערײַ, כאָטש נעם און פֿאַרשטעק די אויערן. זײַן אָנגעפּראַקטיקירטער אויער האָט שוין דערהערט די שיסערײַ פֿון קוילנוואַרפֿערס און פֿון ביקסן, און ווען ער

האָט דערהערט, אז עס האָט ערגעץ גאָר נאָענט א דונער געטאָן א הארמאט, איז
ער שיר ניט אראָפּגעפאַלן פון בוים. פונעם הארמאטן־שאָס האָט א ציטער געטאָן
דער ארום. ס'האָבן זיך א שאָקל געטאָן די צווייַגן פון די ביימער, פון וועלכע עס
האָבן זיך א גאָס געטאָן גאנצע ריטשקעס וואסער אפן געלן זאמד, אפ די נאסע
פעלד־בלומען. בערעלע האָט זייער פייַנט געהאט הארמאטן, מעגלעך דערפאר, וואָס
ער איז ניט געווען באקאנט מיט ארטילערישע איניאָנים, און עפּשער דערפאר, וואָס
זיי האָבן זייער הילכיק געשאָסן און יעדער שאָס פלעגט זיך לאנג קייַקלען איבערן
וואלד און איבערן פעלד, אָנווארפנדיק אן איימע און א שרעק אפ בערעלעס
הארץ. ווי דאָס זאָל ניט זייַן, האָט בערעלע געפרווט איבערלאָזן זייַן באָבאכטונג־
פונקט און אראָפּקלעטערן אפ דער ערד צו זייַנע. אָבער אראָפּקלעטערנדיק שוין
קימאַט אפ דער לעצטער צווייַג, האָט ער דערזען, אז פון זייַנע איז קיינער ניט
פארבליבן. אלע זייַנען שוין לאנג אָפּגעלאָפן ערגעץ אָנאוזייַט, אין טאָל, פונוואַנען
עס האָט זיך שוין דערטראָגן אן אָפּטע שיסערייַ. ער האָט באמערקט ארום די ביי־
מער עפּשער איבער הונדערט רייַטער. פאָרויס איז געזעסן אפ א פערד גאָר אן
אומבאקאנטער מענטש און האָט עפּעס אייַליק און גיך גערעדט צו זיי. ער האָט
גערעדט, שטרענג אויסשרייַענדיק עפּעס, און האָט אָנגעוויזן מיט דער האנט צום
טאָל. דאָ האָט בערעלע באמערקט, אז ער טראָגט בלויע הויזן, ניט אנדערש ווי
יענע הויזן, וועלכע מע האָט אמאָל בערעלען מיט גוואלד אָנגעטאָן און וועלכע ער
האָט דעמלט מיט אזא קאעס צעריסן אפ פיצלעך.

— צי דען זייַנען עס ווידער יענע הויזן?—האָט בערעלע א טראכט געטאָן מיט
פארדראָס.—צי דען וויל מען מיך ווידעראמאָל אָנטאָן אין דעם מאלבוש? און איך
זאָל נאָך לייַדן?

בערעלע האָט, פארשטייט זיך, ניט געקענט פארלייַדן אזא באליידיקונג. ער מוז
דאָך סאָפּקאָלסאָפ זיך צעזעגענען מיט דער אמוניציע, און אזוי צעזעגענען זיך, אז
עס זאָל ניט בלייַבן א פאָדעם אפ א פאָדעם פונעם עקלהאפטן מאלבוש. און ווי גאָר דער
מענטש האָט א פאָך געטאָן מיטן שווערד און עפּעס א קאָמאנדעווע געטאָן, ווי בערעלע
האָט, ניט לאנג טראכטנדיק און ניט האָבנדיק אין זינען קיינע פאראשוטן, זיך א
שלייַדער געטאָן פון בוים און איז קונציק ארופגעשפרונגען גלייַך אפן פערד הינטער
דעם רייַטער, וואָס האָט געטראָגן די בלויע הויזן. און ווי נאָר ער האָט זיך בע־
זעצט, האָט ער מיט זייַנע לאפּעס זיך אָנגעכאפּט אָן די הויזן און האָט זיי געגר־
מען אזוי פליקן, אז ס'איז אוועק א שטויב. וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט נאָך־
דעם בערעלע אליין זיך ניט געקענט פאָרשטעלן. ער געדענקט נאָר, ווי ער האָט

זיך צערעוועט אפ זײַן בערישן האלדז, ווען ער איז אראָפּגעשפּרונגען פון בוים. די רײַטער האָבן זיך מעשוגענערווײַז געלאָזט פליִען ווער וווהין, אראָפּשפּרינגענדיק פון שרעק אפ דער ערד און אוועקפּויזענדיק ערגעץ צווישן דיביימער. אלע פערד, סײַ די, וואָס זײַנען געשטאנען אונטער די ביימער, סײַ די, וואָס זײַנען געווען נעבן די קוילנוואַרפערס און נעבן די הארמאטן, האָבן פּלוצלינג גענומען כראָפּען און שפּריצן מיט שוים פון מויל, ווי זיי וואָלטן מעשוגע געוואָרן פון זײַן שטים. זיי זײַנען געפלויגן אזוי גיך, אז זיי האָבן ניט געזען פאר די אויגן ניט דעם וואלד, ניט דעם וועג און ניט די פארפלאָנטערטע וואלד־שטעגעלעך. און פון טאָל, וווהין עס האָט געמוזט אָפּטרעטן בערעלעס דריטער באטאליאָן, ווען עס זײַנען אומגעריכט אָנגעשפּרונגען די פוילישע אולאנען, האָט זיך שוין דערטראָגן א הילכיקער „הורא" און די רויטארמייער מיט די באגנעטן פאָרויס, האָבן זיך אומגעקערט צוריק אפ זייער אָרט, אופקלײַבנדיק הינטער זיך די פוילישע קוילנוואַרפערס און הארמאטן, כאפּנדיק די צעשראָקענע פוילישע פערד און נעמענדיק אין געפענקעניש די רײַטער. בערעלע איז נאָך אלץ געזעסן אפן פערד, פון וועלכן עס איז שוין לאנג אראָפּגעפאלן דער רײַטער, וועלכער האָט געטראָגן די פײַנטלעכע פאר בערעלען בלויע קליידונג. דער פערד האָט זיך ווי א מעשוגענער געטראָגן איבערן וואלד, און קעדיי ניט אראָפּצופאלן פון אים, האָט זיך בערעלע אָנגעכאפּט פאר דער גריווע און האָט זיך אײַנגעקלעמט מיט די פאָדערשטע לאפּעס אינעם פערדס האלדז. נאָר סאָפּקאָלסאָפּ האָט זיך דער פארמאטערטער פערד אָפּגעשטעלט אפ א ווײַלע, און דער פלינקער בערעלע איז שנעל אראָפּגעשפּרונגען אפ דער ערד, ניט האָבנדיק קיין באזונדער כיישעק מעשוגענערהייט ארומשפּרינגען אפן פערד איבערן וואלד.

צו בערעלען זײַנען צוגעלאָפן די רויטארמייער. —

— ביסט א העלד, בערעלע! ביסט אן עמעסער העלד!

בערעלע איז געווען באפרידיקט. ער האָט זיך נאָר עטוואָס געשעמט און האָט אלץ ניט געקענט פארשטיין ווי עס באדארף צו זײַן, פארוואָס האָט עס פאסירט, וואָס צוליב זײַן טיפער סינע צו דער אולאנישער פאָרם, זײַנען פאָרגעקומען פאר אים אזוינע אומפארשטענדלעכע זאכן און ס'איז פארניכטעט געוואָרן א גאנצער רײַטער־אָטריאד.

אזא איז געווען דער לעצטער העלדישער טאט פון אונדזער בערעלען. דער לעצטער דערפאר, ווײַל באלד האָט זיך געענדיקט די מילכאָמע, און בערעלע האָט זיך אומגעקערט צו זײַן פרידלעכן לעבן, צו די טיפע וועלדער, אין בערן־נאָרע, צו די וואלד־סטעזשקעס און צו די מיט זון אָנגעגאָסענע מאלינעס.

וואָס איז געבליבנ מיט די אקטיאָרנ?

וואָס איז געבליבנ מיט אונדזערע העלדנ: מיט זשוקנ, מיט בערעלעג און מיט דער פריילעכער באָרד? ווו זײַנענ זיי איצט? וואָס טוענ זיי און ווי לעבנ זיי?

זשוק איז זייער אלט געוואָרנ פאר די יאָרנ, ער איז גראָ געוואָרנ און איז טויב געוואָרנ אפ איינ אויער. פארשטייט זיכ,—אפ דער עלטער... אָבער אויכ אדהאיעם היט ער אָפ פינקטלעכ די קאָלווירטישע שײַערנ און שטאלנ. און אויב דער אלטער דערהערט עטוואָס ניט, העלפט אים אונטער זײַנ גרויסער דאָר: זינ און אייניקלעכ—זיי הייבנ אָנ אזוי שטארק צו בילנ, אז דער פײַנט פונ קאָלווירטישנ פארמעגנ לאָזט זיכ לויפנ אפ אלע פיר וואָס ווײַטער פונ די שײַערנ, אבי ניט אָנצוטרעפנ אפ די ציינ פונ זשוקס זינ און אייניקלעכ. און אייניקע פונ זשוקס דאָר, דערוויסנדיק זיכ וועגנ זײַנע אמאָליקע פאסירונגענ אפ מילכאָמע, זײַנענ אוועק אפנ גרענעצ און העלפנ דאָרט די רויטארמייער די גרענעצ־וועכטער אָפצוהיטנ אונדזער גרענעצ פונ פײַנט. א גוטער דאָר איז בא זשוקנ. דער דאָר איז הערט דער רום פונעם געוועזענעם אקטיאָר פונ פאָלק.

און וואָס הערט זיכ וועגנ דעם בערדיקנ? וועגנ אים הערט זיכ שוינ גאָרנישט. דער אקטיאָר איז שוינ לאנג אומגעקומענ, נאָכ אפ מילכאָמע. און אומגעקומענ איז ער צוליב זײַנ ניט פאָרזיכטיקײַט. מע קענ זאָגנ, ער האָט זיכ אליינ אָנגעטאָנ א כאראקירי. און דאָס האָט זיכ אלצ באקומענ אָט ווי: אויב איר געדענקט—האָט דער בערדיקער ליב

געהאט שטענדיק איבערצושפּרינגען איבער עפּעס: איבער א פּארקאן, איבער אן אראָפּגעהאקטן בוים אָדער איבער א קאנאווע. איז אָט, ווען איינמאָל האָבן זיך די רויטארמייער אָפּגעשטעלט אָפּ אָפּרו און האָבן געקאָכט א קאשע, האָט זיך דער בערדיקער אזוי צעלאָזט, אז ער האָט גענומען שפּרינגען איבער די ביקסן, וועלכע זײַנען געווען צונויפגעשטעלט מיט די באגנעטן אַף ארויף. דער בערדיקער האָט, ווײַזט אויס, ניט אויסגערעכנט דעם שפּרונג, און עפּשער האָט ער זיך א גליטש געטאָן מיט די קאָפּיטקעלעך אַף דער נאסער ערד און האָט זיך שלעכט צעיאָגט אין געלויף, נאָר ס'האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן איבערשפּרינגען איבער די שפּיזן, און דער אָרעמער אקטיאָר איז, נעבעך, געבליבן אַף זײ הענגען און איז אומגעקומען.

דער באטאליאָנער קאָפּטענארמוס האָט געהאט פֿאַרגעלייגט לאָזן זײַן אקטיאָר אין קעסל—פֿארברויכן זײַן פֿלייש—ער האָט אמאָל ניט גאָר ליב געהאט דעם באָק, אגעוו, האָט פֿארן פֿאָלק אויסגעפּעלט פֿלייש. אָבער די רויטארמייער האָבן ניט דערלאָזן דעם קאָפּטענארמוס אויספּילן זײַן פֿארלאנג בענעגייע צו זייער אמאָליקן ליבלינג:

— ווי קען מען זיך עס אזוי נויקעם זײַן איבערן רומפּולן אקטיאָר? און ביכלאָל וואָס שטעלט ער מיט זיך פֿאָר פֿאר א מײַכל, מער ניט ווי די באָרד און די אלטע ביינער...

און מע האָט דעם בערדיקן פֿײַערלעך מעקאבער געווען אונטער א הויכער יאָדלע. דעם קייווער האָט מען פֿארשאָטן מיט געלן זאמד, שיין ארומגעצאמט און ארומגעפּוצט מיט בלומען און אַף א קליין ברעטל האָט מען איבערגעלאָזט אזא אויפשריפט: „דאָ איז באגראָבן דער איינציקער אין דער וועלט, אונדזער ליבער בערדיקער".

און עטוואָס נידעריקער האָט מען צוגעשריבן:

„זאָל רויִק שלאָפן אין געלן זאמד
די פריילעכע באָרד...
און זאָל זיך איר כאָלעמען א ביסל שמעקעדיקע היי
און א פּעקל גרינע מאכאָרקע..."

ס'האָבן די יאטן געדענקט וועגן דער שוואכקײַט פֿונעם אקטיאָר.

אזוי איז אומגעקומען דער בערדיקער. די יאטן האָבן נאָך אים געדײַגעט, אָבער וואָס קען מען מאכן? אין לעבן קען זיך אלץ טרעפֿן—ביפֿראט נאָך אַף מילכאָמע.

און וואָס איז געשען מיט אונדזער הויפּט־העלד, מיט בערעלען, דעם אויסערגעוויינלעכן קריגער? מע זאָגט, אז ער לעבט נאָך, האגאם ער איז אויך גוט אלט געוואָרן, גראָ און פֿליכעוואטע, שלעפּט זיך ערגעץ אום איבער די פּוילישע וועלדער. ער גייט

ארומ א פארדײַגעטער אונ א קאעסדיקער. עפשער פונ אלטקײַט אונ עפשער פונ צאָרעס מע זאָגט, אז ער האָט נאָכ אלצ פײַנט די אולאנישע פאָרמעס. אונ ניט נאָר די אולאַ־נישע. ער האָט פײַנט דאָס אלצ, וואָס גייט מיט העלע קנעפ איבער דער פויליִשער ערד, אונ דעריבער האָבנ מוירע די דאָזיקע קנעפ מיט אימ צו באגעגענענ זיכ.

דאָס קענ מענ גלויבנ.

דאָס איז אינ בערעלעס כאראקטער...

איז אָט וואָס פארא ווילדע אקטיאָרנ עס זײַנענ געווענ אינ אונדזער פאָלק. וועגנ זיי האָבנ מיר דאָ דערציילט, דערמאָנט זייערע מײַסימ אונ זייערע טאטנ—געוויינלעכע אונ אומגעוויינלעכע, קאָמישע אונ ניט קיינ קאָמישע, העלדישע אונ פאָשעטע, וואָס פלעגט מיט זיי פאסירנ יעדנ טאָג.

מיר האָבנ דערמאָנט זייער עלטער, דערמאָנט מיט ווארעמע ווערטער.

אונ אפ דעמ וועלנ מיר פארענדיקנ.

1935 י.

רעדאקטאָר פונ דער איבערזעצונג — ז. צירלינ
ליטקאָרעקטור — גאָלדשטײנ
טעכרעדאקטאָר — קארפּינאָװיטש

אָפּגעגעבנ אינ דרוק 26/VII—37 י.
אונטערגעשריבנ צומ דרוק — 24/I—38 י.

צאָל דרוק-בויגנ $4\frac{1}{2}$.
פּאַפּיר 72×94 $\frac{1}{16}$.
צאָל צייכנס אינ א דרוק-בויגנ 48.000.

טיראזש 2.000. באשט. נומ. 1394. באפולמ. פונ גלאװליט נומ. 2714. באשט. מ.פ.וו. נומ. 311.

פאראנטװאָרטלעכער קאָרעקטאָר פונ דרוקעריי — קראסיק.

דרוקעריי א. נ. סטאלינ, מינסק.

פרייז 1 ר. 50 ק.
ЦАНА 1 р. 50 к.

Міхась Лынькоў

ПРА СМЕЛАГА ВАЯКУ МІШКУ
І ЯГО СЛАЎНЫХ ТАВАРЫШАЎ

★

М. Лыньков

ПРО СМЕЛОГО ВОЯКУ МИШКУ
И ЕГО СЛАВНЫХ ТОВАРИЩЕЙ